בס״ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת פקודי תשפ״ה

פון כ״ג אדר – ביז כ״ט אדר

לעילו נשמת אבי הרה״ח רבי משה אפרים ב״ר ארי׳ ע״ה

ולעילו נשמת אמי מרת שפרה יענטא בת הרה״ח משה יהודה ע״ה

צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג ביטע שיקט א מעסעדטש צו דעם נומער 907-9119 (646)

## זונטאג – כ"ג אדר

הגה"ק רבי יחזקאל ב"ר יצחק אייזיק זצוק"ל, (ראטה), בעל עמק התשובה, גאב"ד קארלסבורג.

## מאנטאג – כ"ד אדר

הרה"ק רבי יצחק ב"ר חנוך העניך דוב זי"ע, (מאיער), אב"ד אלעסק.
הרה"ק רבי ברוך פנחס ב"ר אליעזר חיים זי"ע, (ראבינאוויטץ), בעל אמרי ברוך, מסקאליע.

## דינסטאג – כ"ה אדר

הרה"ק רבי אברהם גרשון ב"ר אפרים זי"ע (אשכנזי), מקיטוב.
הרה"ק רבי בצלאל יאיר ב"ר יחיאל זי"ע, (דאנציגער), מלאדזש, אלכסנדר.

## מיטוואך – כ"ו אדר

הרה"ק רבי אהרן ב"ר שמשון זי"ע, דאקטאר גארדיא, מאוסטרהא.
הרה"ק רבי אברהם משה דוד ב"ר שמואל הלוי זי"ע, (קרויז), בעל נפש אד"ם, מאונגוואר.
"הנקרא ר' דוד פייגא'לעס"

## דאנערשטאג – כ"ז אדר

הגה"ק רבי ישעיה ב"ר משה זי"ע, (שור), בעל כליל תפארת, אב"ד יאס.
הגה"ק רבי יוסף שאול ב"ר אריה לייבוש הלוי זי"ע, (נאטאנזאהן), בעל שואל ומשיב, מלבוב.

## פרייטאג – כ"ח אדר

הגה"ק רבי מרדכי ב"ר אברהם מנחם מענדל זי"ע, (רויזענבלאט), בעל הדרת מרדכי, מסלונים.
"הנקרא ר' מרדכי ווייצעל, אדער רבי מרדכי'לע אומשמינער"

## שבת קודש – כ"ט אדר

הרה"ק רבי שלמה ב"ר דוב צבי הכהן זי"ע, (ראבינאוויטש), בעל תפארת שלמה, מראדאמסק.
הגה"ק רבי אברהם ב"ר יהודה לייב זי"ע, (שאג, צוזבנר), בעל אהל אברהם, אב"ד קויברסדארף.
הגה"ק רבי אהרן ב"ר מאיר זי"ע, (מארקוס), בעל קסת הסופר, מקראקא.

לזכות להצלחה

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה.

לעילו נשמת אמי מרת שפרה יענטא בת הרה"ח משה יהודה ע"ה.

**יארצייט**
**זונטאג כ״ג אדר**

**הגה״ק רבי יחזקאל ב״ר יצחק אייזיק זצוק״ל,**
**(ראטה), בעל עמק התשובה,**
**פוסק הדור וגאב״ד קארלסבורג,**

ער איז געבוירן אין שטאט בוזיעזש אין רומעניע, ערב ר״ח אלול תרצ״ה,

צו זיין טאטן הגה״צ רבי יצחק אייזיק ראטה זי״ע,
בן הגה״צ רבי משה ראטה בעל הרים משה אב״ד האמאראד זי״ע,
חתן הגה״צ רבי יצחק אייזיק ראזענפעלד בעל ידות אפרים זי״ע,
חתן הגה״ק רבי יצחק משה פאנעט זי״ע,
בן הגה״ק המפורסם רבי יחזקאל פאנעט בעל מראה יחזקאל אבד״ק קארלסבורג זי״ע,

און צו זיין מאמע האשה החשובה הצדקת מרת יהודית ע״ה,
בת הגה״ח רבי יצחק הלוי יוזשעף ז״ל,
בן הגה״ח רבי יהודה דוד הלוי יוזשעף ז״ל,

ער איז געווען א גאון בתורה און א בקי בכל מקצועות התורה, ער איז געווען צווישן די גרעסטע מורא הוראות בדורו, זיינם א פסק הלכה איז געווען אנגענומען ביי יעדן גדול בתורה און יעדע רב בישראל האט געוויזט צו זאגן, אז אויב ר׳ יחזקאל האט געזאגט אז מען מעג, קען מען זיך אויף אים פארלאזן בלינדערהייט, ער איז געווען א גאון און פוסק פונעם לעצטן דור, אבער א עובד השם ווי פונעם פריערדיגען דור, ער האט אין זיין לעבן גאר אסאך לוחם געווען מלחמת השם מיט א אמת׳דיגקייט, ער האט געהאט אין אהבת ישראל וואס מען האט כמעט נישט געזען בימיו, ער האט באמת ליב געהאט יעדן איד אהבת נפש און געווען אייביג גרייט פאר יעדן איד בעת הצורך,

ער איז געווען גאר שטארק מקושר און רביה״ק מסאטמאר זי״ע, דורך זיין זיידע הגה״צ האמאראדער רב זי״ע, וואס איז געווען א תלמיד מובהק פון הגה״ק בעל שבט מיהודא מסאטמאר זי״ע, און ער האט געלערנט 8 יאר ביי עם, און דאס איז געווען יענע תקופה וואס רביה״ק מסאטמאר זי״ע האט אלס יונגערמאן נאך די חתונה געוואוינט אין סאטמאר, פלעגט דער שבט מיהודא כסדר שיקן זיין תלמיד רבי יחזקאל צום סאטמארער רבי און ער האט דארט מיט געהאלטן דאס עבודת הקודש,

אויך דעם רב׳ס פאטער הגה״צ רבי יצחק אייזיק זי״ע, איז געווען שטארק מקושר צום סאטמאר רבי זי״ע, ער איז געווען א תלמיד פונעם קרן לדוד מסאטמאר זי״ע, און דארט האט ער זיך באקענט מיטן סאטמאר רבי זי״ע וואס האט זיך אויפגעהאלטן דארט אין סאטמאר בשעת די ערשטע וועלט מלחמה, און ער איז געבליבן א חסיד נלהב און מקושר צום סאטמאר רבי זי״ע, אויך ווען מען האט אויפגענומען דעם רבין פאר רב אין סאטמאר י״ב אדר בשנת תרצ״ד האט די רבי מכבד געווען רבי יצחק אייזיק מיט מנחה יענעם טאג,

די רב זצוק״ל מיט די גאנצע משפחה איז געראטעוועט געווארן פין די צווייטע וועלט מלחמה און די טאטע האט דאס תולה געווען און רוח קדשו פון רביה״ק מסאטמאר זי״ע,

עס איז געווען אנפאנג פונעם קריג און עס האט זיך אנגעהויבן די צרות אין רומעניע ווען די שונאי ישראל אין רומעניע האבן אויסגעטיילט צרות פאר די אידן, און דאן איז אין אונגארן וואס האט אריינגערעכענט אויך סאטמאר נאך געווען גאנ׳ץ רואיג,

איז די פאטער הגה״צ רבי יצחק אייזיק זי״ע, וואס האט דאן געוואוינט אין רומעניע, געווען ביים רבין זי״ע און איז אריין פרעגן אויב ער זאל זיך אריבערציען וואוינען קיין סאטמאר וואס איז און אונגארן, אבער צו זיין גרויס וואונדער האט אים די רבי געהייסן פארבלייבן וואוינען אין רומעניע און נישט אין סאטמאר,

ערשט שפעטער בשנת תש״ד ווען די דייטשן האבן ליידער איינגענומען אונגארן און אויך די שטאט סאטמאר און יעדן אוועק געפירט קיין אוישוויץ רח״ל, האט ר׳ יצחק אייזיק שוין פארשטאנען דעם רבינ׳ס ברכה וואס האט געראטעוועט די גאנצע משפחה ווייל די דייטשען זענען קיינמאל נישט אנגעקומען קיין רומעניע.

אלס קינד האט די רב געלערנט אין טעמעשוואר, וואו ער איז שוין דעמאלט געווען מפורסם אלס א מתמיד עצום,

נאך די מלחמה איז די רב געווען א גרעסערע אינגעל, ער איז דאן געגאנגען לערנען אין די ישיבה פון הגה"צ רבי אהרן צבי בריסק זי"ע אבד"ק טשעקא אין שטאט אראד, ער האט דארט גע'שמ'ט מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה און זיין געוואלדיגע יראת שמים, עס איז געווען יראתו קודמת לחכמתו.

בשנת תש"י ווען די קאמוניסטן האבן פארשטארקט זייער מאכט אין רומעניע, זענען אסאך אידן אנטלאפען פון לאנד, דאן איז די רב מיט זיינע עלטערן ארויף קיין ארץ ישראל, און אין ארץ ישראל איז די רב אריין לערנען אין די ישיבה פון הגה"ק רבי ישראל משה דושינסקי זי"ע גאב"ד ירושלים.

אביסל שפעטער איז זיין רבי הגה"צ טשעקער רב זי"ע אויך ארויף געקומען קיין ארץ ישראל אין זיך באזעצט אין שטאט נתני' איז די רב אהין געגאנגען לערנען.

פון דארט איז די רב געגאנגען לערנען אין די סאטמארער ישיבה ייטב לב אין ירושלים, און ער איז געווען א תלמיד חביב פונעם ראש ישיבה הרה"ק רבי משה אריה פריינד זי"ע גאב"ד ירושלים, און דארט איז זיין נאמען געווארן באוויסט אלס א אויסטערלישע למדן מיט התמדה רבה און זיין בקיאות נפלא און אלע חלקי התורה.

ער האט דארט אין ארץ ישראל זוכה געווען צו רעדן אין לערנען מיט גדולי תורה צווישן זיי איז געווען הגה"ק החזון איש זי"ע, וועלכער האט ארויס געוויזן א שטארקע חביבות צום רב נאך זייענדיג א יונג בחורל.

ער האט חתונה געהאט מיט הצדיקת המפורסמת מרת חי' רעכל ע"ה,
בת הגה"ח רבי חיים מענדל כהן ז"ל פון שכונת קאטאמאן און א תלמיד פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע,
בן הרה"ח רבי דוד כהן זי"ע,
חתן הגה"ח רבי אברהם פאלאטשעק ז"ל פון קאלוב,
חתן הגה"ח רבי ישראל מנחם גאטליעב ז"ל,
בן הרה"ק רבי חיים יוסף גאטליעב זי"ע אב"ד סטראפקוב בעל טיב גיטין וקדישין.

זיין שווער רבי חיים מענדל איז געווען א איידעם ביי הרה"ג רבי עמרם אויש זי"ע א אייניקל פון הרה"ק בעל הלבושים זי"ע.
און פון די גזע פון הגה"ק רבי יעקב שפירא אב"ד טערצאל זי"ע, און פון הגה"ק רבי עמרם חסידא זי"ע, און פון הגה"ק בעל מגלה עמוקות זי"ע.

נאך די חתונה האט ער זיך משלים געווען בלימוד ההוראה און גענומען שימוש ביי גדולי הדור ובתוכם,
הגה"צ רבי וועלוויל מינצבערג זי"ע,
הגה"צ רבי אהרן אויש זי"ע לופעני רב בעל פרי אהרן,
הגה"צ רבי ישראל יצחק רייזמאן זי"ע,
און ביי זיין רבי הגה"צ טשעקער רב זי"ע,
הגה"צ רבי יצחק צבי סופר גאב"ד טעמעשוואר זי"ע,
און אלע האבן באוואונדערט זיין געוואלדיגע קלארקייט בהלכה.

אין די ערשטע תקופה האט ער געלערנט אין א כולל אין ביהמ"ד אהל רחל וואס הנגיד המרומם רבי שמואל ישעי' רעטעק ז"ל האט אויס געהאלטן, דער סאטמאר רבי זי"ע האט זיך איינמאל אויסגעדריקט, אז נאר פאר די תורה פון רבי יחזקאל לוינט זיך צו האלטן דעם כולל.

אין יענע צייט פלעגט די רב זיך באטייליגען ביי די שיעורים פון הגה"צ המקובל מנקיי הדעת מירושלים רבי אשר זעליג מרגליות זי"ע, און האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע חביבות ביי רבי אשר זעליג, און דארט איז ער נתקרב געווארן צום לימוד הזוה"ק און צום הייליגען תנא רבן שמעון בר יוחאי, וואס ווי באקאנט איז די רב געווען שטארק מקושר צום הייליגען תנא, און ווי באקאנט האט רבי אשר זעליג זי"ע אוועק געשאנקען פארן רב זיינע "שמושא רבא" תפילין סוף ימיו.

זומער בשנת תש"ך האט אים די רבי זי"ע אויף גענומען אלס דומ"ץ און מרביץ תורה אין די סאטמאר קהילה אין שכונות קאטאמאן, און ווינטער תשכ"א זייענדיג נאר 26 יאר אלט האט מען אים אויף גענומען אלס מורה צדק מטעם העדה החרדית אין ירושלים, ער איז גאר שנעל באוויסט געווארן מיט זיין גרויסע כח ההוראה און קלארע פסקים.

בשנת תשל"ג ווען זיינע עלטערן זענען ביידע נפטר געווארן, האט די רבי זי"ע געבעטן אז ער זאל זיך אריבער ציען קיין בארא פארק, און די רבי זי"ע האט אים אויף גענומען אלס דומ"ץ סאטמאר, די רבי זי"ע פלעגט אים רופן בלשון חיבה "רבי יחזקאל די דיין".

אין די שפעטער יארן האט די רב מייסד געווע זיין ביהמ"ד קהל יראי ד' קארלסבורג על שם דעם הייליגען זיידן הגה"צ בעל מראה יחזקאל זי"ע, און די זעלבע צייט האט ער מייסד געווען זיין "כולל בית תלמוד להוראה", וואס די ציל איז געווען אוועק צו שטעלן דיינים און מורי הוראה מובהקים פארן קומענדיגן דור, און פון דארט

זענען טאקע ארויס געקומען גאר גרויסע רבנים ומורי הוראות בכח הרועה הגדול דער רב זי״ע.

בשנת תשל״ג ווען ער איז נאר געווען 40 יאר איז ער געווען פון די גרעסטע מורי הוראות אין די וועלט, ער איז געווען באוויסט מיט זיין בקיאות אין ד׳ חלקי שולחן ערוך מיט א געוואלדיגע קלארקייט, מען פלעגט אים שיקן שאלות פון די גאנצע וועלט פאר זיין פסק, זיין כוחא דהיתרא איז געווען מורא׳דיג, גדולי ישראל האבן געשיקט צום רב די שווערסטע מקצועות און ענינים און שאלות, און זיין פסק הלכה איז געווען אן גענומען ביי אלע גדולים בישראל.

אין די וועלט איז געווען באקאנט די ווערטער ״וואס זאגט ר׳ יחזקאל״, ווייל ווען עס איז געקומען צו א שאלה וואס גדולי ישראל האבן מורא געהאט צו געבן א פסק הלכה, האט מען דאס געשיקט צום רב, וואס האט געהאט א געוואלדיגע כח צו דורך טוהן די שאלה מיט אלע צדדים און ארויס קומען מיט א קלארע פסק, און וואס ער האט גע׳פסק׳נט איז געווען מלובן ומבורר און מען האט זיך אויף אים געקענט פארלאזן, וויסענדיג אז ער פארמאגט ברייטע פלייצעס און יעדע תשובה האט ער ארויס געזאגט מיטן פולסטן אחריות.

זיין עבודת התפלה איז געווען אויסטערליש מיט א התלהבות דקדושה און מיט א נעימות והשתפכות הנפש, ער פלעגט אנטוהן צווי פאר תפילין כמנהג המקובלים וצדיקים מימי קדם.

א שבת קודש ביים רב איז געווען מעין עולם הבא, פון די מעביר סדרה זיין ערב שב״ק ביי זיך אין ביהמ״ד פון א ספר תורה וואס איז געווען מיט א מתיקות דקדושה, און בכלל די גאנצע עבודה שבת קודש וואס ער האט כמעט נישט גערעדט שב״ק דברי חול.

די געהויבענע תפילות מיט א אש קודש און ספעציעל ביי דעם קאפיטל הבו לד׳ בני אלים וואס איז געווען מיט קולי קולות, און שפעטער ביי בואי בשלום ביים מקבל זיין דעם הייליגען שבת איז דאס געווען מיט א הייליגקייט און א התלהבות דקדושה.

די ימי הרחמים והרצון איז געווען ביי אים מיט א ספעציעלע העכערקייט, מען האט געקענט שפירן ווי די רב רייסט איין פאר א גוט יאר פאר גאנץ כלל ישראל, אויך ביים תקיעת שופר דרשה און כל נדרי מיט די ניסוח התפילות פון רביה״ק מסאטמאר זי״ע, און אזוי ווייטער הושענא רבא דרשות מיט בכיות נוראות ביים אפענעם ארון קודש, און ווער רעדט נאך פון די הייליגע הקפות, וואס ווער עס האט דאס מיט געהאלטן ווייסט צו זאגן אז מען האט געזעהן דעם רב באמת טאנצן און זיך פרייען מיט די הייליגע תורה וואס איז געווען ביי אים באליבט און הייליג.

דער רב זצוק״ל וואס אינאיינעם מיט זיין גדלות בתורה איז ער געווען באוויסט מיט א זעלטענע איידעלקייט און אצילות הנפש, ער האט געהאט א אפען טיר פאר יעדן צובראכענע איד און פאר גאנץ כלל ישראל און יעדן אויפגענומען בסבר פנים יפות.

ער פלעגט זיצן און עוסק זיין בתורה און גארנישט געפילט ווער עס דרייט זיך נעבן אים אזוי אריינגעטון איז ער געווען אין די תורה הקדושה, אבער ווען א איד איז געקומען מיט א בקשה אדער א שאלה בהלכה, האט ער אוועק געשטעלט די גמרא, און מיט זיין גרויס אהבת ישראל זיך צוגעהערט צו דעם איד מיטן גאנצן הארץ כאילו ער יאגט זיך בכלל נישט צוריק צו גיין לערנען, און געענטפערט תשובות מיט אזא קלארקייט אין הלכה כאילו ער האט דאס יעצט געלערנט.

און ווען א איד איז זיך געקומען מזכיר זיין פאר א ישועה, האט מען געזעהן ווי די צרה אדער ווייטאג פון דעם איד האט באמת גורם געווען צער פארן רב, און ער האט געוואונטשען מיטן גאנצען הארץ, און דורך זיין גרויסע כח אין הלכה און לימוד התורה האבן הונדערטער אידן גע׳פועל׳ט גרויסע ישועות ביי דעם רב זי״ע.

זיין איידעלקייט איז געווען עד אין לשער, א מוחל על עלבונו עס איז אים בכלל נישט אנגעגאנגען אויב איינער האט אים באליידיגט און קיינמאל נישט צוריק געענטפערט ווען איינער האט ח״ו פוגע געווען בכבודו, זיין שטוב איז אייביג געווען אפען פאר געסט און בעיקר פאר משולחים פון ארץ ישראל וואס פלעגן איינשטיין און באקומען ביי אים צו עסן אינדערוואכן און אויך שבת קודש.

די מחזה הוד וואס הונדערטער אידן פון בארא פארק געדענקען נאך, ווען דער גדול הדור פלעגט ארום גיין בענוות חן פון מנין צו מנין צוזאמקלויבען געלט פאר צדקה פאר אידישע קינדער און זיך באדאנקט מיט א שמייכעל פאר די נדיבים.

מען האט געזעהן זיין גדלות אין תורה ווען עס איז געקומען צו דעם "לא תגורו מפני איש", אז ווען ער האט פארשטאנען אז דאס איז די הלכה האט ער זיך נישט אוועק גערירט פאר גארנישט און זיך געהאלטן מיטן דעת תורה אן קיין פשרות.

ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען צו לוחם זיין מלחמות השם קעגן פירצות און צניעות, אויך האט ער זיין גאנץ לעבן לוחם געווען קעגן די קליפות הציונות און געווען פון די ראש המדברים ביי מחאות אויפן פראנט און גערופען אידישע קינדער זיך צו האלטן צום אמת'ן מסורה און צום דרך הקדושה והטהרה המסורה לנו מאבותינו הק',

ער האט איבער געגעבן דעם דעת תורה פון רבו מובהק רביה"ק זי"ע, ער פלעגט כסדר נאך זאגן דברי תורה פונעם רבין זי"ע קעגן ציונות און עס איז ביי אים נישט געווען קיין פשרות ווען עס איז געקומען צו דעם אמת'ן דעת תורה.

איבער זיין אויסטערלישע דביקות אונעם הייליגען תנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי, קען מען זאגן אז בדורנו איז נישט געווען נאך אזא איינער וואס האט אזוי געלעבט מיט רבי שמעון און דעם הייליגע זוהר הק'.

אזוי ווי די מירונער רב רבי מאיר זאב שטערן זי"ע האט זיך אוים געדריקט ביי די לוי' וז"ל "איך וואוין דאך דא שוין א שיינע פאר יאר, השי"ת זאל העלפן אויף וייטער, און כ'האב דאך געהאט שייכות מיט זייער אסאך ערליכע אידן וואס האבן זיך געדרייט דא, צווישן זיי געהויבענע זקני חסידי ברסלב און זקני חסידי קארלין וכו', וואס כ'האב צוגעזעהן זייער דביקות ביי רבי שמעון ווען זיי פלעגן זיצן דא מיט מסי"נ בעידן עידנים ימים טובים שבתים און אינדערוואכן, אבער וואס כ'האב געזעהן ביים רב זצוק"ל דאס האב איך נישט געזעהן ביי קיינעם!",

ער פלעגט נאך זייענדיג אין די יונגע יארן פארן קיין מירון צו רבי שמעון און אפרעכטן אן עבודה דארט ביים מקום קדוש, פון זיין זיצן און לערנען ברציפות שעות אריכות ביים ציון, ביזן עוסק זיין אין זוהר הקדוש גאנצעטע שעות און זיך באמת מדבק געווען אונעם הייליגען תנא, ווער רעדט נאך פונעם הייליגען טאג ל"ג בעומר וואסערע עבודה ער האט דארט אפגעראכטן, ווער עס האט געזעהן דעם מחזה האט באמת געקענט פארשטיין וואס דאס מיינט "פארן צו רבי שמעון".

שפעטער ווען ער האט שוין געוואוינט אין אמעריקע פלעגט ער יעדעס יאר פארן אויף מירון שוין אפאר וואכן פאר די יארצייט און דארט עוסק געווען טעגליך אין זיין עבודת הקודש און פלעגט זאגן אז מירון ביי רבי שמעון איז א מקום המיוחד פאר העלות התפילות און השפעת דקדושה.

ער פלעגט דארט אפזיצען וואכן לאנג און זיין פארטיפט אין תורת הנגלה והנסתר בהיכלו פון רבי שמעון בר יוחאי אתר די ביה יחדון רוחין ונפשין און ארויפגיין "אל פני האדון השם" און ווי די רב פלעגט זאגן פון זוהר הקדוש 'מַאן פְּנֵי הָאָדוֹן ד' – דָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי.

אויך פלעגט ער פארן קיין מירון שובבי"ם טעג און אויך אין חודש אלול וואס דאן פלעגט ער זיצן אונעם מערה פון רבי שמעון רוב שעות פונעם טאג איינגעהילט מיט טלית און תפילין און עוסק זיין בתורה בנגלה ובנסתר און ברזין דאורייתא.

ער האט דארט אין מירון געהאט א ביהמ"ד און א הכנסת אורחים ווי הונדערטער געסט האבן געהאט אש"ל מלא בהרחבה, און פילע ערליכע אידן און בני תורה תושבי ארה"ק האבן זיך דארט געווארעמט במחיצתו און מיט געהאלטן זיין עבודת הקודש.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער ממשיך דרכו.

בנו, הגה"צ רבי משה שליט"א, מ"מ אבד"ק יראי ד' קארלסבורג,
בנו, הגה"צ רבי עמרם זי"ע, אבד"ק האמאראד,
בנו, הגה"צ רבי ברוך דוד שליט"א, אבד"ק מראה יחזקאל,
בנו, הגה"צ רבי עזריאל יהודה שליט"א, אבד"ק עמק התשובה,
בנו, הגה"צ רבי אברהם מרדכי שליט"א, אב"ד קרן התורה טשערנע,
בנו, הגה"צ רבי שלום שליט"א, אבד"ק חזון יחזקאל אוסטריק,
בנו, הגה"צ רבי יצחק אייזיק שליט"א, אבד"ק בית יחזקאל,
חתנו, הגה"צ רבי משה פריעדמאן שליט"א, דומ"ץ סאטמאר 53 בארא פארק,
חתנו, הגה"צ רבי אהרן הערש יאזשעף שליט"א,
חתנו, הגה"צ רבי אשר זעליג הלוי מיללער שליט"א, אבד"ק ערבי נחל סטעטן איילענד,

במשך די יארן האט ער געשריבן פילע ספרים אויף פארשידענע מקצועות בתורה,
10 בענדער עמק התשובה וואס דינט אלס ספר היסוד בהוראה ובהלכה פאר יעדן דיין ופוסק,
ספר משפט הארץ, בהלכות התלויות בארץ והל' תו"מ,
ספר חזקת טהרה על הל' נדה וטהרה,
ספר עמק שמעתתא על סוגיות הש"ס,
ספר קרן התורה על הל' ריבית,
ספר דברי יחזקאל עה"ת ומועדים,
ספר אוספי שביעית על דיני שבועות,
ספר מאי חנוכה על עניני חנוכה,
ספר דברי פורים על עניני פורים,

אין די ימי הפורים תשפ"א האט דער רב זצוק"ל נאך געליינט די מגילה בלבת אש קודש כדרכו מדי שנה בשנה, און שב"ק פ' פרה האט ער נאך געפירט ווי געהעריג בבית מדרשו טראץ דעם וואס ער איז שוין געווען אביסל שוואכער, ער האט עולה געווען און זיך אנגעשטרענגט צו לייענען אליינס די קריאה פון פ' פרה,

ביי שלש סעודות האט ער מקבל געווען עול מלכות שמים מיט אפיסת הכוחות און מקצר געווען בדברי תורתו, ער האט בעיקר געוואונטשן ברכות פאר אידישע קינדער, אבער מ'האט שוין געזען ביי דער תורה ווי ס'איז ממש א צוואה, ווען ער האט גערעדט פון 'פרה שעשה משה במדבר', אז משה אפילו לאחרי הסתלקותו לערנט מיט אידישע קינדער תורה,

דורכאוים מוצאי שב"ק האט ער די גאנצע נאכט געזאגט מיט גרוים דביקות שירת הים און פסוקי יחוד, ווי אויך אהבה רבה און קריאת שמע,

זונטאג אינדערפרי איז ער געווען זייער אפגעשוואכט און געבעטן א גלעזל וואסער אויף וואס ער האט געמאכט א שהכל, און איז דערנאך זיך געגאנגען צולייגן, ווען פלוצלינג איז נדם לב ישראל!, דער גאון ופוסק הדור, דער עמוד התורה וההוראה, דער עמוד העבודה ועמוד החסד, האט ליידער אויסגעהויכט זיין נשמה ליוצרה ובוראה, ביום כ"ג אדר בשנת תשפ"א, לדאבון לבם פון כלל ישראל בכל מקומות שהם.

זונטאג ביים לוי' האבן זיך באטייליגט שווערע טויזונטער מענטשן וואס זענען געקומען אפגעבן דעם כבוד האחרון פארן גדול ופוסק הדור, גלייך נאך די לוי' האט מען דעם גוף קדוש אריבער געפירט קיין ארץ ישראל, און מאנטאג איז פאר געקומען א לוי' אין מירון און מען האט אים באערדיגט אונעם ביה"ח דקארלסבורג סמוך ונראה צום תנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

פארציילט א יונגערמאן וואס האט געוואוינט אין קאטאמאן, און שפעט ביינאכט האט זיך אים געמאכט א שאלה, ער האט געטראכט ווי ער קען נאך אזוי שפעט גיין מברר זיין די שאלה, האט ער זיך דערמאנט אז עס איז דא א נייע רב אין שטאט, און ער האט געטראכט אז ער וועט גיין אין זעהן אויב עס איז נאך ליכטיג ביי דעם רב אין שטוב וועט ער אריינקלאפן,

איז ער געגאנגען צום שטוב פונעם רב זצוק"ל און ער הערט ווי דער רב לערענט אויפן קול, האט ער אנגעקלאפט און אריין געגאנגען, ווען ער איז אריין געקומען האט די רב גלייך פארדעקט דעם ספר וואס ער האט געלערנט, פארשטייט זיך דאס האט געמאכט דעם יונגערמאן נאך מער וועלן וויסן וואס די רב לערנט, און בשעת די רב האט מעיין געווען אינעם שאלה, האט דער יונגערמאן א בליק געגעבן און געזעהן, אז די ספר איז געווען א זוהר הקדוש וואס דער רב זצוק"ל האט שוין דאן נאך זייענדיג גאר יונג עוסק געווען שפעט ביינאכט אין קבלה.

הרה"צ רבי יחזקאל'ע מערץ זי"ע האט מייסד געווען די "תולעת יעקב באסעם" פאר אחב"י אז מען זאל נישט דארפען נעמען די באן קיין מאנהעטען און זיך אנזעהן מיט כל דבר אסור, איז געווען נאך א שטיק צייט וואס די הכנסה פאר די באסעם זענען געווען זייער קליין,

די רב זצוק"ל האט דאן געמאכט 300 דאללער א וואך וואס דאס האט קוים געדעקט זיין שטוב, אבער ער האט גענומען 100 דאלער פון דעם א יעדע וואך און געשיקט צו ר' יחזקאל'ע זי"ע כדי די באסעם זאלן קענען ווייטער אנגיין און אידישע קינדער זאלן קענען בלייבען בקדושה, דאס מיינט א איד וואס האט זיך מוסר נפש געווען פאר קדושות ישראל.

אויך האט ער אסאך כוחות אין געלט אריין געלייגט צו מסדר זיין די "דרך המהדרין" באתרא קדישא מירון

אונעם טאג פון די יארצייט וואס מען פלעגט טאקע רופען דעם וועג "דרך יחזקאל" על שמו, כדי ערליכע אידישע קינדער זאלן קענען ארויף גיין צום תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי אן ח"ו נכשול ווערן מיט ראיות אסירות.

בנו הגה"צ אב"ד עמק התשובה שליט"א האט פארציילט, אז ווען די טאטע איז ארויס געקומען בפקידות רביה"ק מסאטמאר זי"ע קיין אמעריקע האט די רעבעצין מיט די קינדער דאן נאכנישט געקענט מיט קומען מיטן רב זצוק"ל קיין אמעריקע, צוליב די פאפירן, זענען זיי געבליבען אין א"י.

נאך א האלבע יאר איז די רעבעצין מיט די קינדער אויך געקומען קיין אמעריקע, און ווען זיי זענען אנגעקומען און די רב זצוק"ל האט זיך באגעגנט מיט זיי, האט די רב זצוק"ל אנגעהויבן צו ליינען קריאת שמע ווי חז"ל זאגן אז יעקב אבינו ע"ה האט געטון ווען ער האט זיך געטראפן מיט יוסף הצדיק אין מצרים, און ווי די מנהג ביים רב זצוק"ל האט די קרי"ש גענומען א 15 – 20 מינוט, און נאר נאכדעם האט ער שלום געגעבן פאר די משפחה.

הרה"ג ר' חיים אברהם וויזעל מנה"ר פון ישיבת חכמי לובלין האט פארציילט אז איינמאל איז ער געגאנגען מיט הגה"ג בעל שבט הלוי זי"ע קיין בני ברק, און זיי זענען דורך געגאנגען די שטוב ווי די רב זצוק"ל איז איינגעשטאנען און דער רב איז דארט געזיצען און עוסק געווען בלימוד התורה.

הגה"ג בעל שבט הלוי זי"ע האט זיך אפגעשטעלט און נישט געוואלט גיין ווייטער און זיך צו געהערט צום קול תורה פונעם רב זצוק"ל, און געזאגט מיט התפעלות, "ער איז א הייליגער איד".

הרה"ח ר' נתן בנימין בלוי איז איינמאל געגאנגען מיטן רב זצוק"ל בימי נעוריו מבקר זיין דעם גאון הגדול רבי משה פיינשטיין בעל אגרות משה זי"ע און זיי האבן זיך משתעשע געווען אין תורה.

אינמיטן איז די דיין הגאון הרב שמואל פעלדער שליט"א אריין געקומען צו רבי משה און אנגעפרעגט א שאלה בהלכות ס"ת, וואס די הלכה איז אז אויב עס איז דא דריי טעותים אין א ספר תורה איז עס פסול, האט דער רב געפרעגט אויב די דריי טעותים ברויכן זיין אויף איין עמוד אדער אין די גאנצע ספר תורה.

האט זיך רבי משה אנגערופען "דער רב איז דא, פרעגט פון אים", און די רב זצוק"ל האט מעיין געווען אפאר מינוט און געגעבן א תשובה, און רבי משה האט געזאגט "האט איר שוין א פסק, און די תלמידים האבן מעיד געווען אז דער רבי משה זי"ע פלעגט אזא זאך כמעט נישט טון.

א איד האט געהאלטן אפאר יאר נאך די חתונה און נאך נישט זוכה געווען צו זש"ק, און די דאקטורים האבן מציע געווען אז מען זאל טון עפעס, איז ער אריין צום רב פרעגן אויב ער זאל טון וואס די דאקטורים האבן געהייסן, האט די רב געזאגט, אז ער האט נאך קיינמאל נישט מתיר געווען די זאך, און געהייסן דעם איד אראפ שרייבן זיין נאמען אין די מאמע'ס נאמען און ער וועט מתפלל זיין פאר אים, און ויהי לפלא דער איד האט צום יאר געהאט א קינד.

10 יאר שפעטער האט דער איד נאר געהאט דעם איין קינד און די דאקטורים האבן ווייטער מציע געווען צו טון עפעס און אנדערע גדולים האבן יא געזאגט אז מען זאל עס טון, אבער דער איד איז נאכאמאל געקומען צום רב און געפרעגט וואס די רב האלט, האט דער רב זצוק"ל געזאגט דאס יאר איז א שנה מעוברת און עס איז מסוגל פאר ישועות, און געהייסן דעם איד זאל נאכאמאל שרייבן זיין נאמען און די רב האט דעם איד אינזין געהאט ביים ציון פון התנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי.

און לפלא צום יאר איז דער איד געהאלפן געווארן מיט א קינד, און הגה"צ ר' יצחק משה ערלאנגער ווען מען האט אים פארציילט די מעשה האט ער געזאגט "אצל רשב"י יכולין לפעול הכל שלא כדרך הטבע, אלא שצריכין לדעת היכן לפעול אצל רבי שמעון, והמפתח לזה היתה ביד רבי יחזקאל".

ווי עס איז באוויסט האט רביה"ק מסאטמאר זי"ע געשיקט די רב זצוק"ל ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע צו נעמען שימוש אויך פון הגה"צ גאב"ד קאפיש זי"ע, האט אים די קאפישער רב געזאגט "אינגעלייט גייען אדורך אסאך מאל נסיונות וואס מ'דארף נוצן דעם כח ההיתר, אבער אויב מאכט מען א טעות ברענט מען פארדעם אין גיהנום!".

און ער האט אים געפרעגט אויב ער איז גרייט צו גיין אין שאול תחתית צו העלפן אידישע קינדער, האט די רב געזאגט אז ער ברויך עס איבער טראכטען, אפאר טאג נאכדעם איז ער צוריק געקומען און געזאגט, אז ער איז גרייט פאר דעם, האט די קאפישער רב שטארק הנאה געהאט, ווען די רב זצוק"ל האט דאס פארציילט פאר רביה"ק מסאטמאר האט די רבי זי"ע געזאגט, דערפאר האב איך דיך געשיקט צום קאפישער רב.

ווען איינער איז אריין געקומען צום קאפישער רב און געזאגט אז זיין דיין איז "רבי יחזקאל ראטה", פלעגט דער קאפישער רב זאגן מיט א התפעלות, "רבי יחזקאל, איך האלט פון אים עולם ומלואו".

א איד איז אמאל געקומען צו הרה"ק רבי משולם פייש בעל עבודת העבודה מטאהש זי"ע, און געפרעגט אויב ער זאל פארקויפען זיין דירה, האט אים די טאהשער רבי געזאגט, אז ער זאל די זאך פרעגן פין זיין מורה הוראה, האט דער איד געזאגט אז ער האט שוין גערעדט דערוועגן מיט זיין מורה הוראה, האט די טאהשער רבי געפרעגט ווער זיין מורה הוראה איז,

האט דער איד געזאגט רבי יחזקאל ראטה, האט זיך די טאהשער רבי אויף געשטעלט מלא קומתו און געזאגט, "רבי יחזקאל ראטה!!, רבי יחזקאל ראטה!!, ער איז דאך א קדוש!!, ער איז דאך א קדוש!!, פארוואס פרעגסט די מיך די שאלה".

הגה"צ ר' נפתלי צבי רובין זי"ע, בן הגה"צ מדאמבראווא זי"ע ווען ער האט זיך געצויגען קיין בארא פארק, איז ער געקומען פרעגן פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע ביי וועמען ער זאל פרעגן זיינע שאלות, האט די רבי זי"ע געזאגט בזה"ל "אויף מיין יחזקאל קען מען זיך פארלאזן".

א איד האט געהאט א געשעפט און ער האט געוואלט פארברייטערן דעם געשעפט, אבער עס איז געווען א אויוועז וואס איז געווען אימיטען פון די פלאץ, איז ער געקומען פרעגן פונעם רב זצוק"ל אויב ער מעג אוועק נעמען דעם אויוועז ווייל עס איז דאך דא א צוואת רבי יהודה החסיד אז מען זאל נישט ציווארפן א אויוועז ווייל דאס איז א סכנה גדולה,

האט אים די רב געזאגט, אז עס איז נישט דא קיין וועג ווי אזוי דאס מתיר צו זיין, ווען דער איד האט נאכאמאל געפרעגט האט די רב זצוק"ל געזאגט, עס איז דא אסאך וועגן ווי אזוי מסלק צו זיין דעם אויוועז און עס קען אויך ציפאלען פון זיך אליינס, לפלא תיכף נאכדעם איז די אויוועז פון זיך אליין ציפאלען און מען האט דאס געקענט אוועק נעמען, דאן האט דער איד געזעהן די גרויסע כוח פונעם דעת תורה פונעם רב און אז הרבה דרכים למקום, און מיטן כוח התורה ווערט מען געהאלפן.

**יארצייט**
**מאנטאג כ״ד אדר**

**הרה״ק רבי יצחק ב״ר חנוך העניך דוב זי״ע,**
**(מאיער), אב״ד אלעסק,**

ער איז געבוירן אין שטאט אלעסק, בשנת תקפ״ט,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי חנוך העניך דוב בעל לב שמח מאלעסק זי״ע,
בן הרה״ק רבי שמאי׳ מבעלזא זי״ע,
בן הרה״ק רבי מאיר גאטליב מבעלזא זי״ע, הנקרא ר׳ מאיר הקדוש, מתלמיד הבעש״ט הקדוש זי״ע,
בן הגה״ק רבי יצחק האלעקער אב״ד בעלזא זי״ע,
בן הרה״ק רבי שמואל שמש מבעלזא זי״ע,
וואס די זיידע רבי שמואל זי״ע האט באקומען א ברכה פונעם הייליגען ב״ח זי״ע, צוליב א מעשה וואס איז פאר געקומען אין שטאט בעלזא מיטן ב״ח זי״ע, אז ער וועט האבן קינדער בנים מאירים בתורה,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת פריידא ע״ה,
בת הרה״ק רבי שלום רוקח בעל השר שלום מבעלזא זי״ע,
בן הרה״ק רבי אלעזר מבראד זי״ע,
נכד הגה״ק רבי אלעזר רוקח בעל מעשה רוקח מאמסטרדם זי״ע,
ומגזע הגה״ק המקובל רבי נפתלי הכהן בעל סמיכת חכמים מפרנקפורט זי״ע,
ומגזע הגה״ק רבי צבי הירש אשכנזי בעל חכם צבי זי״ע,

ער איז געווען א איש קדוש וטהור מאוד, בעל מופת הדור גדול מפורסם, ער איז געווען א גאון בתורה און א למדן נפלא, ער איז געווען א ענוותן כהלל, און א עובד ד׳ נפלא מאוד, ער האט געדאוונט מיט א געוואלדיגע התלהבות גדול, הונדערטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, ער האט גאר אסאך משפיע געווען תורה און עבודת השם אין אידישע קינדער און משריש געווען יראת ד׳ אין הונדערטער אידן,

ער איז אויפגעוואקסן און נתגדל געווארן בצלו פון זיין גרויסן זיידן הרה״ק השר שלום מבעלזא זי״ע, ער האט זוכה געווען אסאך תורה און יראת שמים צו קונה זיין פון זיין גרויסן זיידן מבעלזא, ער איז געווען פון די גרויסע תלמידים און חסידים פונעם זיידן און זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבות ביים זיידן,

אויך האט ער זיך מסתופף געווען בצלו פון הרה״ק רבי ישראל מריזין זי״ע, וואס דער הייליגער ריזינער האט גאר אסאך גערעדט פונעם גדלות פון דעם צדיק רבי יצחק מאלעסק זי״ע, אויך האט ער זיך מסתופף געווען בצלו פון אנדערע צדיקי הדור וואס אלע האבן גאר שטארק מפליא געווען דעם גדלות בתורה ובקדושה פון דעם צדיק מאלעסק ובתוכם הרה״ק רבי יצחק בעל תולדות יצחק מנעשכיז זי״ע,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת יענטא ע״ה,
בת הרה״ק רבי יוסף יוסקא הלוי העללער מלאשקאוויץ זי״ע,
בן הרה״ק רבי שמשון בעל נזירת שמשון מאוזריאן זי״ע,
חתן הרה״ק רבי מאיר לייפער השני מפרמישלאן זי״ע,
בן הרה״ק רבי משולם פייבוש בעל יושר דברי אמת מזבריזא זי״ע,
בן הרה״ק רבי אהרן משה הלוי העללער אב״ד סניאטין זי״ע,
נכד הגה״ק רבי גרשון שאול יו״ט ליפמאן בעל תוספות יו״ט מקראקא זי״ע,

נאך די חתונה איז דער צדיק געזעצן על שולחן זקינו הרה״ק רבי מאיר השני מפרמישלאן זי״ע, די זיידע האט גאר שטארק געהאלטן פון דעם אייניקל רבי יצחק מאלעסק זי״ע, דער זיידע האט אמאל געזאגט אויפן אייניקל בזה״ל, ״זעט דעם יונגערמאן ער איז א חידוש, מען דארף פאר אים דרך ארץ האבן, ער איז אויס געקנעטען מיט יראת שמים״, אויך האט דער צדיק רבי יצחק מאלעסק זי״ע געזאגט אמאל בזה״ל, ״זקיני הרה״ק רבי מאיר׳ל רצה ליתן לי כל השבעה רקיעים בידי, והשבתי אליו, שאיני רוצה, שאם אהיה ראוי אקח אני בעצמי״,

ווי באוויסט האט דער צדיק רבי יצחק מאלעסק זי״ע גאר אסאך מיט געמאכט צער גידול בנים ל״ע, ער האט ליידער נישט זוכה געווען צו קיין קינדער פאר א לאנגע צייט, נאר איין טאכטער האט ער איבער געלאזט נאך זיך, דאס איז געווען הרבנית הצדקת מרת שלאמצי ע״ה, אשת הרה״ק רבי אהרן מנחם מענדל מאלעסק זי״ע,

ער האט גאר אסאך מפציר געווען ביי זיין גרויסן טאטן אז ער זאל אים אנוואונטשן א ברכה אז ער זאל געהאלפן

ווערן מיט בנים זכרים, איינמאל האט דער טאטע אים געגעבן א בענדיל וואס דער טאטע האט געבענטשט, אבער משום איזה סיבה איז די בענדיל אנגעקומען צום שוועסטער פונעם רבין וואס האט געהייסן אזוי ווי די ווייב פונעם צדיק, הרבנית הצדקת מרת יענטא ע״ה, וואס איז אויך געווען א חשוכי בנים,

לפלא איז דער שוועסטער פונעם רבין געהאלפן געווארן, זי האט געהאט נישט לאנג נאכדעם געהאט א בן זכר, און דערנאך האט זי געהאט א טאכטער, די רעבעצין פונעם רבין ווען זי האט געזען וואס דא האט פאסירט, האט זי געבעטן פון איר מאן אז ער זאל אריין גיין צו זיין טאטן און מזכיר זיין פאר א ישועה,

אבער דער הייליגער לב שמחה זי״ע האט געזאגט פאר זיין זון, וואס זאל איך טון, די בענדיל וואס איך האב דיר געגעבן האט געהאט אין זיך א כח צו ברענגען די ישועה, אבער די אנדערע פרוי מיטן זעלבן נאמען האט שוין זוכה געווען צו די ישועה, כך הוה דער צדיק האט נאר געהאט די איין בת יחידה הצדקת מרת שלאמצי ע״ה,

א׳ אלול בשנת תרמ״ד איז זיין הייליגע טאטן דער לב שמחה מאלעסק זי״ע נסתלק געווארן, און דער זון הרה״ק רבי יצחק זי״ע האט איבער גענומען דאס רבנות אלס ממלא מקום פונעם טאטן, אלע חסידים און תלמידים פונעם טאטן האבן דעם זון רבי יצחק מקבל געווען אלס זייער רבי, ער האט דאן אנגעהויבן פירן זיין רבנות מיט א געוואלדיגע שטארקייט, ער האט משפיע געווען תורה און יראת שמים פאר זיינע חסידים מיט א מוראדיגע איבער געגעבענקייט,

הרה״ק רבי אליעזר צבי מלבוב זי״ע האט דערציילט, אז איין יאר כ״ז אלול ווען עס איז די יארצייט פונעם זיידן דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי״ע, איז דער צדיק רבי יצחק מאלעסק זי״ע אזוי ווי דער מנהג פון זיין טאטן זי״ע, געפארן צום ציון פון די צדיקים וואס ליגן אין ביה״ח אין שטאט אלעסק, ווי צום קבר פון הרה״ק רבי דוב בער פלאם הנקרא הסגי נהור מאלעסק זי״ע און צום ציון קדשו פון הגה״ק רבי ישעיה יעקב הלוי בעל תפוחי זהב אב״ד אלעסק זי״ע,

אבער לפלא אפילו דורך גייענדיג דעם טאטנ׳ס ציון, איז דער צדיק נישט אריין צום ציון קדשו פון זיין טאטן הרה״ק רבי חנוך העניך דוב בעל לב שמחה מאלעסק זי״ע, ווען מען האט דעם צדיק געפרעגט פשט פארוואס פונקט ביים טאטנ׳ס ציון גייט ער נישט אריין, האט דער צדיק געזאגט, ביים טאטן ברויך איך יעצט נישט אריין גיין, וויבאלד דער טאטע איז יעצט לכבוד דעם יארצייט פונעם שר שלום אין בעלזא,

הרה״ק רבי שלום טויב אב״ד סאסוב זי״ע האט דערציילט, אז יעדעס מאל דער צדיק מאלעסק זי״ע האט געברויכט מעורר רחמים זיין אויף סיי וואסערע ישועה, האט ער אזוי ווי זיין גרויסן טאטן זי״ע געשאקעלט זיין בענקל און מיט דעם האט ער געברענגט א ישועה, וואס אידן האבן געזען ביי דעם צדיק וקדוש אסאך אפענע מופתים און גרויסע ישועות,

ווען מען האט דעם רבין געפרעגט פשט, האט ער געזאגט, מיטן ארום ריקן דעם בענקל פון פיר פיס, בין איך מעורר דעם זכות פון מיינע 4 גרויסע רבי׳ס, הרה״ק רבי יצחק מנעשכיז זי״ע, זקנו הרה״ק רבי מאיר מפרמישלאן זי״ע, אביו הרה״ק רבי חנוך העניך בעל לב שמחה מאלעסק זי״ע, זקנו הרה״ק השר שלום מבעלזא זי״ע, און מיט דעם איז ער משפיע ישועות,

ווייל דער טאטע זי״ע פלעגט אויך אזוי טון, און דער טאטע פלעגט זאגן, אז ער איז מיט דעם משפיע ישועות דורך מעורר זיין זיינע פיר גרויסע רבי׳ס, חתנו הרה״ק השר שלום מבעלזא זי״ע, הרה״ק רבי אורי השרף מסטרעליסק זי״ע, הרה״ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי״ע, הרה״ק רבי יעקב יצחק החוזה מלובלין זי״ע, און מיט די פיר צדיקים ברענגט ער אראפ א ישועה פארן נצרך,

ער האט איבער געלאזט זיין בת יחידה הרבנית הצדקת מרת שלאמצי ע״ה, אשת הרה״ק רבי אהרן מנחם מענדל אייכנשטיין מאלעסק זי״ע, בן הרה״ק רבי אלכסנדר סענדר מזידיטשוב זי״ע, דער ממלא מקום פונעם גרויסן שווער אין אלעסק,

נסתלק לגנזי מרומים כ״ד אדר בשנת תרס״ד, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט אלעסק, סמוך ונראה צו זיין הייליגען טאטן דער לב שמחה מאלעסק זי״ע,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## יארצייט
## מאנטאג כ״ד אדר

## הרה״ק רבי ברוך פנחס ב״ר אליעזר חיים זי״ע, (ראבינאוויטץ), בעל אמרי ברוך, מסקאליע,

ער איז געבוירן אין שטאט יאמפלא אין רוסלאנד, כ״ז תמוז בשנת תרל״ד,

צו זיין טאטע הרה״ק רבי אליעזר חיים מיאמפלא זי״ע,
בן הרה״ק רבי ברוך מיאמפלא זי״ע, חתן הרה״ק רבי פנחס מאוסטראה זי״ע,
בן הרה״ק רבי יצחק מיאמפלא זי״ע, חתן הרה״ק רבי ברוך ממז׳יבוז זי״ע, נכד הבעש״ט הקדוש זי״ע,
בן הרה״ק רבי יוסף מיאמפלא זי״ע,
בן הרה״ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זי״ע,
בן הרה״ק רבי יצחק מדרוהוביטש זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת מיטה שרה ע״ה,
בת הרה״ק רבי פנחס מאוסטראה זי״ע,
בן הרה״ק רבי אברהם דוב אורטינבערג מלעכאוויטש זי״ע,
נכד הרה״ק רבי אברהם דוב מחמעלניק זי״ע,
נכד הרה״ק רבי יעקב יוסף בעל תולדות יעקב יוסף מפולנאה זי״ע,

אין ספר משנה לחם ווערט געברענגט, אז די טאטע איז נישט געווען אין שטוב בשעת ווען דער זוהן רבי ברוך פנחס איז געבוירן, און יענע נאכט איז די זיידע הרה״ק רבי ברוך מיאמפלא זי״ע אים געקומען אין חלום, און מבשר געווען אז עס איז אים געבוירן געווארן א בן זכר, און ער זאל דעם קינד א נאמען געבן נאך אים ברוך, און ער האט זיך ערוועקט,

ווען ער איז צוריק איינגעשלאפן איז זיין שווער הרה״ק רבי פנחס מאוסטראה זי״ע אים געקומען אין חלום, און אויך מבשר געווען אז ער האט געהאט א בן זכר, און געבעטן אז ער זאל דעם קינד א נאמען געבן פנחס נאך אים,

שפעטער איז דער טאטע אהיים געקומען און געזען, אז די צייט פונעם חלום איז געווען ממש די זעלבע צייט ווען דער קינד איז געבוירן געווארן, און ער האט דעם קינד א נאמען געגעבן ״ברוך פנחס״ נאך די צוויי צדיקים.

ער איז געווען א איש קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען א בקי בתורת הנגלה והנסתר און א חכם וצדיק נפלא און א גרויסע בעל מקובל, זיין התנהגות איז געווען מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה כאחד הגדולים, גרויסע צדיקים און גאונים בתורה האבן גאר שטארק באוואונדערט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה,

ער האט זיין גאנץ׳ן לעבן אפילו זייענדיג נאך גאר יונג זיך מסגף געווען און עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז געווען מפורסם אלס א מופת הדור נפלא און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

נאך ווען ער איז געווען א קליין קינד האט מען שוין געזעהן אז זה הנער גדול יהי׳, שוין פון די 13 יאר האט ער זיך נישט געלייגט אין קיין בעט די גאנצע וואך חוץ פון שבת קודש, די גאנצע וואך איז ער אויף געווען ביינאכט און עוסק געווען בתורה בהתמדה גדולה, ווען ער האט געשפירט אז עס כאפט אים א מידעקייט, האט ער אריין געלייגט די פיס אין קאלט וואסער אז ער זאל נישט איינשלאפן, און אזוי האט ער שוין דאן אפילו זייענדיג גאר יונג זיך מסגף געווען און נישט נהנה געווען פון די וועלט,

ער האט געהאט א סדר היום צו לערנען ביינאכט כאטש 18 דפים גמרא, און דאס איז געווען חוץ פון זיינע שעורים דורכן טאג וואס ער האט געלערנט ש״ס ופוסקים ראשונים ואחרונים, מדרשי חז״ל, זוהר, תנ״ך, און מוסר, און דאס אלעס איז געווען ווען ער איז נאך געווען א יונג בחור׳ל, אבער ווען ער איז שוין געווען עלטער איז ער געווען א בקי בש״ס ופוסקים און אויך אין קבלה ובפרט בקבלה מעשית.

ביי די 18 יאר האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת חיי אדיל ע״ה,
בת הרה״ק רבי אשר ישעי׳ רובין מקולבסוב זי״ע,
בן הרה״ק רבי יחיאל מקולבסוב זי״ע,
בן הרה״ק רבי אשר ישעי׳ בעל אור ישע מראפשיץ זי״ע,
חתן הרה״ק רבי נפתלי בעל זרע קודש מראפשיץ זי״ע,
און א אייניקל פון הרה״ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא בעל היכל הברכה זי״ע,

נאך די חתונה האט זיך דער צדיק געצויגען צום שטאט בריד, און דארט האט ער ווייטער עוסק געווען בתורה

ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה וטהרה, דאן איז דער צדיק נאך נישט געווען מפורסם, אבער די נאנטע האבן שוין מעיד געווען אויף זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע דביקות אינעם באשעפער.

בשנת תרס"א זייענדיג נאר 26 יאר אלט, האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט סקאליע, און דארט האט דער צדיק געפירט די שטאט מיט א געוואלדיגע שטארקייט, ער האט מקיים געווען דעם לא תגירו מפני איש און מיט א מסירת נפש לוחם געווען אויף יעדע הלכה פון שולחן ערוך און יעדע מנהג וואס מען האט מקובל מדורות הראשונים.

במשך פון 13 יאר האט דער צדיק געפירט דעם שטאט מיט א געוואלדיגע ערליכקייט און ישרות, אויך האט ער דארט אין שטאט מחבר געווען זיין חיבור קדוש ספר טל אורות, וואס האט אין זיך חיבורים עמוקים און גאר טיפע זאכן אין תורת הקבלה, צדיקי הדור האבן גאר שטארק מחבב געווען דעם חיבור און האבן מעיד געווען, אז דער גאון האט דאן אויך מחבר געווען גרויסע חידושים נפלאים אויף ששה סדרי משנה און על התורה, אבער ביי די ערשטע וועלט מלחמה, ווען דער צדיק איז אנטלאפן קיין וויען, האט ער ליידער פארלוירען רוב פון די חידושים נפלאים.

יארן שפעטער ווען ער איז שוין געווען רבי, פלעגט ער נעמען דעם משמש זיינער און ארויסגיין אינדרויסן פון שטאט און מאכן גלגל שלג נאכט נאך נאכט און ער פלעגט באשווערן זיינע משמשים אז זיי זאלן קיינעם נישט דערציילן דערוועגן, נאר לאחר הסתלקות האבן זיי דאס פארציילט.

זיין תורה זאגן שבת קודש איז געווען געהויבען, ובפרט ביי שלש סעודות ווען ער פלעגט אריין קומען אין שוהל בעטן מען זאל אים זאגן א פסוק, און אויף דעם האט ער געזאגט דברי תורה, מען האט געקענט זעהן ווי שכינה שורה עליו והוא יושב ודורש בהתפשטות הגשמיות, און שפעטער ווען מען האט אים איבער געזאגט די דברי תורה וואס ער האט געזאגט, האט דער צדיק בכלל נישט געדענקט, און ער פלעגט זאגן בדרך צחות, "עס איז דאך טאקע גוט".

איינמאל איז די רבי געווען אין שטאט פרשבורג און זיין אכסניה איז געווען נאנט צום שטוב פון הגה"ק רבי דוד לאקענבאך זי"ע מגדולי תלמידיו פונעם חת"ס זי"ע, און יעדער וואס איז געקומען קיין פרשבורג איז געגאנגען באזיכען רבי דוד, אבער ר' דוד האט געהאט א מנהג נישט צו גיין צוריק אויף א באזוך.

יענעם שבת קודש האט די רבי געפירט טיש און א גרויסע עולם איז געקומען מיט האלטן דעם געהויבענע טיש און זעהן זיין גדלות אין תורה און קדושה, רבי דוד האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און איז געקומען צום שבת צופרי טיש, און נאך די דברי תורה האט רבי דוד גערעדט פון התפעלות פון די גרויסקייט אין תורה בנגלה ובנסתר פונעם רבין.

ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז ער אנטלאפען קיין וויען מיט זיין משפחה, די גדולי תורה דארט אין וויען האבן באוואונדערט זיין גרויסע קדושה און זיין כח התורה, עס איז באקאנט אז ווען דער צדיק איז אנטלאפן פון זיין שטאט סקאליע, האט דער צדיק מיט גענומען מיט זיך א ספר תורה.

דאן איז אין שטאט וויען אויך אנגעקומען הרה"ק רבי יוסף בנימין רייך אב"ד העליטש זי"ע וואס איז אויך אנטלאפן קיין וויען צוליב די מלחמה, פלעגט דער צדיק מסקאליע כסדר שיקן דעם ספר תורה פאר דעם צדיק מהעליטש כדי אים מהנה צו זיין, וויבאלד ער איז ליידער געבליבן אן קיין ספר תורה.

נאך די מלחמה איז שוין דער צדיק וקדוש מסקאליע געבליבן וואוינען אין שטאט וויען, וויבאלד ער איז שוין דאן געווען שוואך און מער נישט געהאט די כוח צוריק צו פארן צו זיין שטאט, דארט האט ער ווייטער ממשיך געווען זיין הנהגה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, ער האט אפילו זייענדיג גאר שוואך ווייטער עוסק געווען בתורה און משפיע געווען תורה וקדושה פאר אידישע קינדער, די גרויסע גאונים וגדולים בתורה דארט אין וויען האבן דעם צדיק גאר שטארק מכבד געווען.

ער האט מחבר געווען גאר הייליגע חיבורים, וואס די גדולים און צדיקים בדורו האבן גאר שטארק משבח געווען דאס גדלות התורה און די בקיאות וואס דער גאון האט געהאט אין אלע חלקי התורה.

ספר טל אורות, על טל וגשם ואנעים זמירות.
ספר משנה לחם, על משניות.
ספר דברי ברוך, על פרקי אבות.
ספר אמרי ברוך, על התורה.
ספר תוספות חיים, על התורה.

אויך האט ער געהאט אסאך חידושי תורה וואס זענען ליידער פארלוירן געגאנגען ביי די מלחמה,

ער האט איבער געלאזט הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי דוד יצחק אייזיק בעל צמח דוד מסקאליע זי"ע, ממלא מקום אביו,
הרה"ק רבי ישראל בעל אהל ישראל אדמו"ר מקאשנוב זי"ע,

אפאר וואכן פאר די פטירה פונעם צדיק, איז צום צדיק געקומען א איד וואס האט זיך געגרייט צו פארן קיין בערלין צו שליסן א שידוך פאר זיין טאכטער, אבער די רבי האט זיי געזאגט אז זיי זאלן נישט טוהן דעם שידוך, דער איד האט נישט פארשטאנען פארוואס די רבי האט געהייסן נישט טוהן דעם שידוך, אבער מיט אמונת צדיקים האבן זיי געפאלגט, 10 טאג שפעטער איז דער בחור ליידער פלוצלונג געשטארבן, און דאן האבן זיי געזעהן פארוואס די רבי האט זיי אפגערעדט פונעם שידוך.

יו"ט שבועות בשנת תרע"ט, זענען א גרויסע עולם געקומען צום רבין ובתוכם גדולי ישראל, און בשעת'ן טיש האט ער זיך אנגערופן אויף זיין רעבעצין, "זי איז נעביך א יונגע אלמנה", ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער זאגט אזעליכע ווערטער, האט דער צדיק געזאגט, "וואס זאל איך אייך טוהן, איהר האט אויגען אבער איר זעהט נישט, זי איז נעביך א יונגע אלמנה", און ער האט פארלאזט טרערן און געזאגט, אויב איך קען וואלט איך מבטל געווען די גזירה.

די גאנצע זומער האט ער מער נישט דערמאנט דערוועגן און געווען די גאנצע צייט בשמחה, ער האט עוסק געווען ווייטער בתורה ועבודת השם, יוה"כ פאר כל נדרי האט ער געזאגט מוסר פארן עולם און געזאגט, אז דער צדיק הדור גייט נסתלק ווערן, קיינער האט נישט פארשטאנען וואס די רבי מיינט, ווייל די רבי איז נאך דאן געווען גאר יונג, אויך האט ער דאן מעורר געווען די אידן אז מען זאל זיך שטארקן אין אמונה בשם און מען דארף גלייבן אז עס איז דא איין איינציגע באשעפער וואס ער פירט די וועלט, און אן אים קען גארנישט פאסירן,

ביים סעודה ט"ו בשבט ווען עס זענען געזיצען גרויסע תלמידי חכמים האט ער נאכאמאל געזאגט, אז ער האט געהאט א חלום אז דער צדיק הדור גייט נסתלק ווערן,

און פון דאן יעדן שבת קודש ביי קידוש ווען ער פלעגט זאגן תורה, האט ער געזאגט פארן עולם, אז זיי זאלן גוט אויס הערן די דברי תורה ווייל זיי וועלן שוין נישט הערן קיין תורה פאר צו א לאנגע צייט, דער עולם האט געמיינט אז דער צדיק רעדט פון דעם אז ער טראכט פון זיך אוועק ציען פון וויען, און דערפאר זאגט ער אז מען וועט שוין נישט פאר צו לאנג הערן קיין דברי תורה פון אים,

דעם לעצטן שבת קודש פרשת תצוה האט ער געדאווענט שחרית פארן עמוד, און ביי קל אדון ביי די ווערטער "שמחים בצאתם וששים בבואם", האט ער דאס איבער געזאגט אסאך מאל, דער נאך ביי קריאת התורה האט ער אליין געליינט און ביי די ווערטער, "ובצאתו ולא ימות", האט ער איבער געזאגט די ווערטער כמה פעמים און עס איז געווען א חידוש פארן עולם, אויך האט ער דאן געזאגט, אז ער וויל זיך אוועק ציען פון שטאט וויען אבער מען זאל אים איבער לאזן זיין ביהמ"ד אז ער זאל דארט קענען דאווענען ווען ער קומט צוריק.

נאכן דאווענען איז ער אריין צו זיך אין שטוב עסן די סעודה, און ער האט געזאגט פאר די רעבעצין בזה"ל, "איך האב באקומען א פארלאנג פון הימל אז מען דארף מיך האבן ביים בית דין של מעלה, און עס איז געקומען די צייט, איך זאל זיך זעהן מיט מיינע עלטערן אין הימל", על כן אזוי ווי איך וועל די וואך קראנק ווערן און איך וויים נישט ווי אזוי די קראנקהייט וועט זיין, צו איך וועל זיין ביים קלארן דעת זיך צו געזעגענען מיט די קינדער.

על כן וויל איך זיך יעצט געזעגענען מיט זיי כל זמן איך בין ביים דעת, ער האט זייער געוויינט און אויך די קינדער האבן געוויינט, אבער ער האט זיי געזאגט אז עס איז נישט דא קיין ברירה, און ער וויינט נישט וועגן די פטירה נאר אז ער גייט איבער לאזן א ווייב מיט קליינע קינדער יתומים.

נסתלק לגנזי מרומים יום א' פרשת ויקרא כ"ד אדר בשנת תר"פ זייענדיג נאר 46 יאר אלט, ומנוחתו כבוד איז אין וויען אין ביה"ח סקאליע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

בימיו פינעם צדיק וקדוש רבי ברוך פנחס מסקאליע זי״ע האבן מענטשן געוויסט, אז ווען מען איז אריין געקומען צום רבין האט די רבי נאר ביים קוקען אויפן פנים פון דעם מענטש געוויסט די נאמען פונעם איד און פון זיין גאנצע משפחה און די מעשים פון דעם איד, אידן זענען נתפעל געווארן ווי די רבי האט אנגעוואונטשן גלייך אויף די בקשות נאך פאר מען האט מזכיר געווען די בקשות אדער נאך פאר ער האט געזעהן דעם קוויטל.

מען האט ביי אים געזעהן מופתים חוץ לדרך הטבע, ער האט געקענט אויס רעכענען פאר איינעם וואס איז געקומען מזכיר זיין, זאכן וואס עס איז מיט יענעם געשען,

אין שטאט מונקאטש האט געוואוינט א איד וואס זיין ווייב איז רח״ל געווארן געלעמט, דער איד איז געלאפן פון דאקטאר צו דאקטאר, אבער ליידער האט גאר נישט געהאלפן, איין טאג איז דער איד אריבער געפארן צום רבין קיין סקאליע, און מזכיר געווען זיין ווייב און געבעטן די רבי זאל אים העלפן, האט אים די רבי געגעבן א דאטום און געזאגט, אז דעם געוויסע טאג וועט זיין ווייב אויפשטיין און זיין געזונט כאחד אדם, כך הוה יענעם טאג איז די פרוי אויף געשטאנען געזונט און אויס געלעבט איר לעבן מיט אריכות ימים געזונטערהייט.

איינמאל איז געווען אן עגונה וואס איר מאן איז געפארן קיין אמעריקע, און ער פלעגט נאך אנפאנג שיקן בריוון און געלט, אבער נאך אפאר יאר האט זיך אלעם אויפגעהערט, זי האט פון דעם מאן מער גארנישט געהערט, וויפיל מען האט פראובירט אים צו טרעפן האט נישט געארבעט, און זי איז שוין געווען אן עגונה פאר 20 יאר,

ווען זי האט געהערט פון דעם גרויסן צדיק פון סקאליע, איז זי אריבער צום רבין און זיך אויס געוויינט איר ביטער הארץ, אז שוין 20 יאר וואס זי איז שוין אן עגונה, האט די רבי איר מבטיח געווען, אז ביז 60 טאג וועט די מאן קומען, און איר געבן א גט פיטורין און 1000 דאלער, די פרוי איז נשתומם געווארן הערענדיג די ווערטער, ווייל זי האט געמיינט אז ער איז שוין זיכער נישט בין החיים,

צום 60'טן טאג איז דער מאן אנגעקומען קיין סקאליע, און פונקט ווי די רבי האט געזאגט האט ער איר געברענגט א גט פיטורין און 1000 דאלער, און פארציילט, אז א חודש צוריק איז די רבי פין סקאליע אים געקומען אין חלום דריי נעכט אין א צי און אים געשלאגען מכות רצח, און געהייסן אז ער זאל אריבער קומען קיין סקאליע געבן א גט פארן ווייב און אויך 1000 דאלער, און די פרוי איז ב״ה באפרייט געווארן פון זיין אן עגונה.

די זון פונעם רבין הרה״ק רבי דוד יצחק אייזיק זי״ע האט פארציילט, אז ער האט די מעשה מיט געהאלטן, ווען די טאטע איז געווען פאר א שבת אין שטאט קאשנוב, איז דארט געווען א גרויסע עולם וואס איז געקומען מיט האלטן די גרויסע מלוה מלכה ביים רבין,

מען איז אריבער געבן לחיים פארן רבין, צווישען דעם עולם איז געווען א חסיד מפורסם פונעם רבין הנגיד רבי טובי' פריעדמאן ז״ל וואס האט געהאט א געשעפט פון האלסעיל, און מזכיר געווען ביים רבין אז לעצטנס גייט די ביזנעס זייער שווער און ער האט נישט קיין געלט און ער האט זייער מורא פון די בעלי חובות, און געבעטן די רבי זאל אים העלפן,

די רבי האט געזאגט פארן חסיד, אז מארגען וועט צו דיר קומען א סוחר וואס די האסט שוין נישט געזעהן פאר 13 יאר, און וועט איינקויפן ביי דיר סחורה פאר 2632 רוביל און נאך אפאר קאפיקעס, עס איז געווען א חידוש ביי די אלע וואס זענען דארט געשטאנען און געהערט ווי די רבי זאגט דעם פונקטליכען סכום וואס יענער וועט קויפן,

אבער כך הוה דעם קומענדיגען טאג זונטאג, איז א סוחר וואס דער איד האט שוין נישט געזען פאר 13 יאר געקומען און איינגעקויפט פארן פונקטליכען סכום וואס די רבי האט געזאגט נישט קיין פרוטה מער אדער ווייניגער.

צו פארשטיין דעם געוואלדיגע התמדת התורה וואס דער צדיק וקדוש רבי ברוך פנחס מסקאליע זי״ע האט געהאט, דערציילט זיין זון הרה״ק רבי דוד יצחק אייזיק בעל צמח דוד מסקאליע זי״ע, אז לכבוד זיין בר מצוה האט ער געענדיגט גאנ'ץ מסכת פסחים מיט די ראשונים און אחרונים מיט הבנה עמוקה, און מיט דעם האט ער זיך געגרייט צום גרויסן טאג פון מקבל פנים זיין דעם יצר טוב,

ממש בעפאר די בר מצוה ווען ער איז אריין געקומען צום טאטן, און דער טאטע האט געפרעגט זיין זון מיט וואס ער האט זיך געגרייט צום גרויסן טאג פון זיין בר מצוה,

האט דער קינד געזאגט אז ער האט געענדיגט גאנץ מסכת פסחים מיט די ראשונים און אחרונים, און דער קינד האט געמיינט אז זיכער וועט דער טאטע נתפעל ווערן דערפון.

אבער לפלא האט די טאטע געזאגט פארן בר מצוה בחור, נאר מיט דעם מסכת פסחים האסטו זיך געגרייט צו אזא גרויסע טאג, און דער טאטע איז געווען ממש ברוגז אויף זיין זון, האט דער זון געזאגט, אז פון דאן האט ער באקומען א דרך פון זיין טאטן ווי אזוי א איד ברויך לערנען.

דער זון הרה"ק רבי ישראל בעל אהל ישראל מקאשנוב זי"ע האט דערציילט דעם מסירת נפש פונעם טאטן אויף יעדע מצוה און הלכה, איין חודש אינמיטן ווינטער, און די גאנצע חודש האט זיך נישט באוויזן קיין לבנה, דער טאטע האט געהאט פון דעם גרויס צער און עגמת נפש אז ער קען נישט מקיים זיין דעם מצוה פון קידוש לבנה.

די לעצטע נאכט וואס מען האט געקענט מאכן קידוש לבנה איז געווען ליל שבת קודש, דער טאטע איז געזעצן ביים שולחן הטהור ארום גענומען מיט רבנים גדולים און תלמידי חכמים פון זיינע חסידים, פלוצלונג איז מען געקומען זאגן פארן טאטן, אז עס האט זיך באוויסן א לבנה, דער טאטע איז ארויס אינמיטן פירן טיש מיט א געוואלדיגע שמחה און דביקות, און דער טאטע האט מחדש געווען די לבנה מיט א שמחה עצומה, נאר ער האט נישט געזאגט קיין שם המלכות ווייל עס איז געווען שבת קודש.

אויך האט דער זון רבי ישראל זי"ע דערציילט, אז איין חודש אינמיטן ווינטער און עס איז דורך די טעג און מען האט נישט געזען קיין לבנה, פארשטייט זיך אז דער טאטע האט געהאט גרויס צער און עגמת נפש אז ער קען די מצוה נישט מקיים זיין.

די לעצטע נאכט וואס מען האט געקענט מאכן קידוש לבנה, איז דער טאטע געקומען צו מיר און וועקט מיך אויף און זאגט מיר, קום ארויס מיט מיר לאמיר גיין זיכן א לבנה, אפשר וועט מען טרעפן א לבנה און מען וועט זוכה זיין צו מאכן קידוש לבנה, איך בין ארויס מיטן טאטן אויף די גאס, עס איז געווען א שרעקליכע פראסט און די וואלקענעס האבן באדעקט דעם הימל, עס האט זיך נישט אנגעזען קיין זכר פון די לבנה.

דאן האט זיך דער טאטע אנגערופן צום זון, איך וועל נישט אריין גיין אין שטוב ביז איך וועל זוכה זיין צו מאכן קידוש לבנה, ווייל אויב וויל מען באמת מיט א מסירת נפש מקיים זיין מצוות הבורא, וועט אוודאי זיך באוויזן א לבנה, און אזוי האט דער טאטע מיט מיר ארום שפאצירט אין די קעלט פאר א שעה פון גאס צו גאס, פלוצלונג האט זיך באוויזן חוץ לדרך הטבע א הערליכע לבנה, און דער טאטע האט מיט א שמחה עצומה געמאכט קידוש לבנה, און גדאנקט דעם באשעפער פארן אים מזכה זיין מיט דעם מצוה.

אין ספר ניצוצי אורות ווערט געברענגט די מעשה, איין שבת קודש האט זיך דער צדיק וקדוש רבי ברוך פנחס מסקאליע זי"ע אויף געהאלטן אין שטאט בריסק אין ליטא, דארט האבן געוואוינט גרויסע גאונים און גדולים בתורה, אבער זענען געווען גרויסע מתנגדים צום דרך החסידות, אבער מען האט מכבד געווען דעם צדיק מיט מנחה ערב שבת קודש.

פארשטייט זיך אז דער צדיק האט נישט משנה געווען זיין מנהג, נאר האט אנגעהויבן מיט א ברען הודו מיטן נוסח וואס איז מקובל פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, די אידן דארט אין שטאט האט דאס זייער נישט געשמעקט און האבן דאס נישט סובל געווען, האבן זיי געטראכט, אז ביים טיש אויב די רבי וועט נישט זאגן קיין תורה וואס געפעלט זיי, וועלן זיי שוין גוט מסדר זיין דעם צדיק.

ביים טיש ווען עס איז געקומען צו די תורה, האט דער צדיק ווי זיין מנהג איז געווען מכבד צו זיין די אידן ביים טיש צו זאגן א פסוק אדער א מדרש, און אויף דעם פלעגט דער צדיק זאגן זיין תורה, און מען האט יעדן שבת קודש געזען ווי עס איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו, אז דער צדיק וקדוש זאגט תורה מן השמים.

דער צדיק האט דאן מכבד געווען 9 אידן ביים טיש, איינעם מיט א פסוק פון די פרשה, דעם אנדערן מיט א פסוק פון די הפטרה, א פסוק פון תהילים, א משנה, א גמרא, א מדרש רבה, א מדרש תנחומא, א זוהר, א שטיקל רמב"ם, און דאן האט דער צדיק אנגעהויבן זאגן דברי תורה געפלאכטן מיט תורת הנגלה והנסתר אויף די אלע פסוקים און מאמרים וואס די אידן האבן געזאגט, און ביים סוף זענען די אלע גדולים און גאונים בתורה ממש ארויס פון התפעלות פון זיין גדלות און בקיאות בכל חדרי תורה, פארשטייט זיך אז מען האט שוין דעם צדיק גאר שטארק מכבד געווען פון דאן.

**יארצייט**
**דינסטאג כ"ה אדר**

**הרה"ק רבי אברהם גרשון ב"ר אפרים זי"ע**
**(אשכנזי), מקיטוב,**

ער איז געבוירן אין שטאט בראדי, בשנת תנ"ו,

צו זיין טאטן הגה"ק רבי אפרים מרבני בראדי זי"ע, מחסידי הרה"ק רבי משה מקיטוב זי"ע,
דער טאטע רבי אפרים זי"ע האט געדינט אלס ראב"ד אינעם בית דין אין שטאט בראדי, און געווען פון די לומדי הקלויז אין בראדי צוזאמען מיט הגה"ק רבי חיים צאנזער זי"ע, און הגה"ק בעל נודע ביהודה זי"ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד, א גאון בתורת הנגלה והנסתר עד למאוד און איש פלא נורא תהלות, אויך איז ער געווען א בעל מופת עצום, צדיקים בדורו האבן גאר שטארק מעריץ געווען דעם צדיק וקדוש און באוואונדערט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה, ער האט זיך אסאך מסגף געווען, ער פלעגט פאסטן משבת לשבת א גרויסע חלק פון זיין לעבן,

די שוועסטער פון רבי אברהם גרשון זי"ע הרבנית הצדקת מרת לאה רחל ע"ה האט חתונה געהאט מיטן אור שבעת הימים רבינו ישראל בעל שם טוב זי"ע, און ווי עס איז מקובל איז דער רבי גרשון מקיטוב זי"ע געווען מתחילה א גרויסע מתנגד צום דרך החסידות, און אפילו געוואלט מבטל זיין דעם שידוך פונעם שוועסטער צום בעש"ט הק', אבער דערנאך ווען דער הייליגער בעש"ט איז געווארן מפורסם אלס א קדוש און א בעל רוח הקודש אמיתי, איז דער שוואגער געווארן א תלמיד מובהק פונעם בעש"ט הק', און אויך געווען די רבי פין דעם זוהן פונעם בעש"ט, הרה"ק רבי צבי זי"ע,

ער איז געווען א תלמיד חביב פון הגה"ק רבי שלום שרעבי הרש"ש זי"ע, ווי ער האט געלערנט זיין דרך אין קבלה, ער איז געווען פון די חבריא קדישא פונעם קלויז אין שטאט בראד, ער איז געווען פארעכענט צווישן די חכמי דורו און א גרויסע מקובל און גדול בתורה, ער האט דארט געלערנט מיט גאוני דורו ווי הגה"ק בעל נודע ביהודה זי"ע און הגה"ק רבי יונתן אייבשיץ זי"ע, וואס האבן אים מוראדיג געשעצט.

זיין שוואגער דער בעש"ט הקדוש זי"ע האט געזאגט אויפן שוואגער רבי גרשון מקיטוב זי"ע גרויסע שבחים ובתוכם בזה"ל, "אהובי גיסי חביבי וידידי כנפשי ולבבי הרב החסיד הקדוש איש אלקי גאון בנגלה ובנסתר איש פלא נורא תהילות",

זיין חבר הגה"ק רבי יחזקאל לאנדא בעל הנודע ביהודה מפראג זי"ע האט געזאגט אויף זיין חבר און ידיד נפשו רבי גרשון מקיטוב זי"ע בזה"ל "מחמד עיני וחמדת לבי, בר פחתי ובריבי, חכים עדיף מנביא, ליש ולביא, ה"ה כבוד אהובי ידיד נפשי, אהוב למטה ונחמד למעלה, הרבני המופלא ומופלג בתורה וחסידות, לו עשר ידות, שושן סודות, החכם השלם והכולל, עמוד הימיני הפטיש החזק, מו"ה אברהם גרשון",

הגה"ק רבי יונתן אייבשיץ בעל יערות דבש זי"ע האט משבח געווען דעם צדיק וקדוש רבי גרשון בזה"ל, "הרב החסיד המפורסם מופלג בתורה ומקובל אלוקי",

הגה"ק רבי מאיר מקונסטנטין זי"ע דער זון פונעם הייליגען יעב"ץ זי"ע אין זיין ספר שו"ת מים חיים, שרייבט דארט אויפן בעש"ט הקדוש זי"ע און זיין גרויסע שוואגער רבי גרשון מקיטוב זי"ע בזה"ל, "אלוף ביהודה וישראל עושה חיל קטן וגדול שם הוא ממציא מזור ותרף לגבר אין איל, גדול הוא בשד ושם לו ברקת וגבר בכל, ה"ה הרב המופלג המפורסמים בש"ט מו"ה ישראל נר"ו, ומן חברייא כולהו רבנן, רחימי ה"ה המופלג מו"ה גרשון נר"ו"

בשנת תק"ג איז דער צדיק וקדוש רבי גרשון מקיטוב זי"ע דאס ערשטע מאל ארויף קיין ארץ ישראל בפקודת זיין גרויסע שוואגער דער בעש"ט הקדוש זי"ע צו גיין זיך טרעפן מיטן אור החיים הקדוש זי"ע, און אויך צו פארשפרייטן חסידות דארט אין ארץ ישראל, אפאר יאר שפעטער איז ער צוריק געפארן קיין מעז'יבוז צום בעש"ט הקדוש זי"ע, די צווייטע מאל איז ער ארויף בשנת תק"ז און דאן איז ער שוין דארט געבליבן ביז צו זיין פטירה,

דארט אין ירושלים איז ער געווען גאר נאנט מיט די בעלי מקובלים אין ירושלים און געלערנט אין ישיבת בית א-ל פון די מקובלים,

דער צדיק וקדוש רבי גרשון מקיטוב זי"ע איז געווען מפורסם אלס א גרויסע עניו און א שפל ברך, איינמאל

איז געווען אין שטאט קיטוב אן עצירת גשמים, און מען האט גוזר תענית געווען אינעם שטאט, פארשטייט זיך אז דער צדיק רבי גרשון איז געווען דער בעל תפילה, אבער אינמיטן דאווענען איז דער צדיק אוועק פונעם עמוד און געהייסן אן אנדערן צו ממשיך זיין אלס בעל תפילה,

שפעטער ווען מען האט געפרעגט דעם צדיק וקדוש, פארוואס ער איז אוועק פונעם עמוד אינמיטן דאווענען, האט דער צדיק געזאגט, אינמיטן דאווענען האב איך געפילט אז די תפילה איז שגור בפי, און פון דעם האב איך געוויסט אז די תפילה איז געווארן מקובל, אבער וויבאלד איך האב נישט געוואלט אז מען זאל ארויף לייגן דעם נס אויף מיר, בין איך אוועק פונעם עמוד און געלאזט אן אנדערן ווייטער דאווענען, שלא יתחזק טיבותא לנפשיה,

אין ספר עבודת עבודה ווערט געברענגט, אז דער בעש"ט הק' האט געהאט די נפש פון דוד המלך ע"ה, און די אור החיים הקדוש האט געהאט די רוח פון דוד המלך ע"ה, און די בעש"ט הק' האט געוואלט גיין קיין ארץ ישראל און זיך טרעפן מיטן אור החיים הק', און צוזאמען ברענגען משיח צדקנו און די גאולה שלימה,

האט דער בעש"ט געשיקט זיין שוואגער רבי גרשון זאל פארן קיין א"י און רעדן צו דעם אור החיים, האט די אור החיים הק' געשיקט פרעגן דעם בעש"ט הקדוש, אז ווען ער זעהט דעם אוה"ח אויבן אין הימל אויב ער זעהט די גאנצע גוף, האט דער בעש"ט געענטפערט אז ער זעהט נישט די פיס,

האט דער אוה"ח הק' געזאגט, אז דער בעש"ט זאל זיך נישט מטריח זיין צו קומען קיין ארץ ישראל, ווייל עס איז בחינם, ווייל עס איז נאך נישט די צייט פאר די גאולה, אבער דער בעש"ט האט מיט דעם אלעם פראבירט ארויף צו גיין קיין א"י, אבער ווי באוויסט האט זיך געמאכט גאר אסאך שוועריקייטן און ער האט נישט מצליח געווען.

עס ווערט פארציילט אז בעפאר רבי גרשון מקיטוב איז ארויף געפארן קיין א"י האבן די בעלי בתים פון קיטוב אים באגלייט, און צווישן די וואס האבן אים באגלייט איז געווען די יצר הרע, האט רבי גרשון געפרעגט דעם יצר הרע אויב ער קומט מיט, ווייל ער גייט פון דא אוועק ווייל די יצר הרע האט אים דא געשטערט פון זיין עבודת השם, האט די יצר הרע געזאגט אז ער באגלייט אים נאר און ער בלייבט דא איבער,

אבער ווען ער איז אנגעקומען קיין יפו און מען האט אים מקבל פנים געווען, האט ער ווידער געזעהן דעם יצר הרע, האט ער אים געפרעגט די האסט דאך געזאגט אז די קומסט נישט מיט, האט דער יצר הרע געזאגט, איך בין נישט די זעלבע יצר הרע פון קיטוב, ווייל די יצר הרע וואס ארבעט אין חוץ לארץ האט נישט קיין רשות אריין צו קומען קיין ארץ ישראל.

פארציילט מען אז די בעש"ט הק' פלעגט זיך מקשר זיין מיט זיין שוואגער יעדן שבת ביי די תפילות אפילו זייענדיג אין א"י, האט פאסירט איין שבת ביינאכט אז דער בעש"ט הק' נישט געטראפן זיין שוואגער אין ארץ ישראל, אבער צופרי האט ער אים שוין יא געטראפן,

שפעטער איז ער געוואר געווארן, אז שבת ביינאכט האט די שוואגער רבי גרשון געדאווענט אין א שוהל אין עכו וואס איז נישט געשטאנען אויף אדמת א"י, און דערפאר האט אים דער בעש"ט נישט געטראפן, אבער שבת צופרי האט ער געדאווענט אין א אנדערע ביהמ"ד וואס איז שוין יא געווען אויף אדמת א"י, און דערפאר האט דער בעש"ט אים שוין יא געזעהן.

אנפאנג ווען ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל האט ער געוואוינט אין חברון, אבער שפעטער איז ער אריבער קיין ירושלים, און עס איז דא צענדליגע בריוון וואס ער האט זיך געשריבן מיט זיין שוואגער דער בעש"ט הק' זי"ע,

הרה"ק רבי אורי השרף מסטרעליסק זי"ע האט געזאגט בשם הרה"ק רבי יצחק מנעשכיז זי"ע, אז עס איז דא א בריוו וואס דער בעש"ט הק' זי"ע האט געשיקט צו זיין שוואגער רבי גרשון זי"ע, און די בריוו האט דער הייליגער נעשכיזער זי"ע געליינט יעדן טאג בעפאר הנחת תפילין, און דער נעשכיזער זי"ע האט געזאגט, אז אין דעם בריוו איז מרומז דריי שמות הקדושים, וואס דורך די שמות קען מען וויסן די קץ הגאולה, אבער דער נעשכיזער האט דאס נישט מגלה געווען פאר קיינעם,

מען פארציילט אז נאכן זיין אפאר יאר אין ארץ ישראל איז ער צוריק געפארן קיין מעזשיבוז צו זיין שוואגער, און ווי עס איז מקובל האט דער בעש"ט הק' זי"ע זייער געוואלט ארויף פארן קיין ארץ ישראל ווייל ער האט

געזעהן אז טאמער ער וועט זיך טרעפן מיטן אור החיים הק׳ וועט ער אויספּועלן די גאולה, אבער ווי עס איז מקובל האט זיך געמאכט אסאך שטערונגען אויפן וועג און וועגן דעם איז דער בעש״ט הק׳ נישט אנגעקומען קיין א״י,

הרה״ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי״ע האט דערציילט, אז ווען דער צדיק וקדוש רבי גרשון מקיטוב זי״ע האט געוואוינט אין ירושלים, איז ער יעדן תשעה באב ארויס אויפן הר הזיתים קעגן דעם מקום המקדש, דארט איז דער צדיק געזעצן אויף א שטיין, און ער האט געזאגט די קינות מיט בכיות נוראות, ביז ער איז איין געשלאפן פון גרויס געוויין, אבער ווען ער האט זיך דערוועקט, האט זיך איבער גע׳חזר׳ט די זעלבע, און אזוי האט דער צדיק אפּ געבראכטן דעם תשעה באב וויינענדיג אויפן חורבן בית המקדש,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הרה״ק רבי יקר אשכנזי מחכמי ישיבת דמשק אליעזר בירושלים זי״ע,
הרה״ק רבי חיים אהרן מטבריה זי״ע,
הרה״ק רבי אפרים אשכנזי זי״ע,
הרה״ק רבי יהודה לייב אשכנזי זי״ע,
הרה״ק רבי משה זי״ע,
הרה״ק רבי יצחק זי״ע,
הרה״ק רבי אפרים פישל זי״ע,

נסתלק בירושלים לגנזי מרומים כ״ה אדר א׳ בשנת תקכ״א, ומנוחתו כבוד איז אויפן הר הזיתים אין ירושלים.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

הרה״ק רבי גרשון מקיטוב זי״ע האט אמאל געבעטן פונעם בעש״ט הק׳ אז אליהו הנביא ז״ל זאל זיך מגלה זיין צו אים, איין טאג איז צו רבי גרשון געקומען א בחור און איין געשטאנען ביי אים פאר א שטיק צייט, א שטיק צייט שפּעטער האט רבי גרשון נאכאמאל געבעטן פונעם בעש״ט פאר גילוי אליהו, האט אים דער בעש״ט געזאגט, אז אליהו הנביא איז געווען ביי אים בדמות פון דעם בחור, און געזאגט ״אליהו ווייזט זיך צו יעדן איינעם ווי ער איז ווערד״.

מען פארציילט אז ווען רבי גרשון מקיטוב זי״ע איז ארויף קיין ארץ ישראל, האט אים דער בעש״ט הקדוש געזאגט, אז דער הייליגער אוה״ח הק׳ האט א ישיבה מיוחדת ווי מען לערנט קבלה און תורת הנסתר און געזאגט, אז ער זאל זיך משתדל זיין אריין צו גיין אין די חבורה, ווען ער איז אנגעקומען קיין א״י האט ער זיך נאכגעפרעגט ווער די משמש פון דעם ישיבה איז, ווען ער האט דעם משמש געבעטן אז ער וויל אריין גיין אין די ישיבה, האט ער אים געגעבן א עצה ווי אזוי דער אוה״ח הק׳ זאל אים אריין נעמען,

אז ערב שבת קודש ווען דער אוה״ח הק׳ גייט אין מקו׳ לכבוד שבת, זאל ער שטיין דארט בשעת מעשה, און ווען די אוה״ח הק׳ קומט ארויס זאל ער אים געבן וואסער זיך צו וואשן די הענט, און אויב די אוה״ח הק׳ וועט נעמען דאס וואסער וועט ער קענען אריין קומען אין דעם ישיבה, האט ער געפאלגט און דער אוה״ח הק׳ האט איבער גענומען דאס וואסער, און ער איז געווארן א תלמיד פונעם אוה״ח הק׳.

צוויי תלמידים פונעם בעש״ט הק׳ זענען איינמאל געווען ביי זיין שוואגער רבי גרשון מקיטוב זי״ע, און ער האט געהאלטן אינמיטן דאווענען שמונה עשרה און זיין טאביק פישקע איז אראפּ געפאלן, ער האט זיך אראפּ געבויגען און עס אויף געהויבען און געשמעקט פונעם טאביק,

די צוויי תלמידים זענען נשתומם געווארן אז היתכן דער רבי גרשון האט דאס געטון בשעת שמונה עשרה, און זיי האבן מהרר געווען נאך רבי גרשון, און עס איז ארויס א גזרה פין הימל אז די צוויי זאלן רח״ל נישט מוצא שנתו זיין, דער בעש״ט הקדוש האט דאס גלייך מרגיש געווען, און געוואלט מבטל זיין די גזירה, יו״ט סוכות זענען די צוויי תלמידים געווען ביים בעש״ט אויף הושענא רבא, האט דער בעש״ט אוועק גענומען פון די צוויי זייער מדריגות, און די צוויי האבן ביי משנה תורה נישט פארשטאנען וואס זיי זאגן, אזוי וויט האט דער בעש״ט אוועק גענומען זייערע מדריגות,

נאכן ליינען די משנה תורה האט דער בעש״ט הקדוש ארום געטראגן פארן עולם די טאביק, און ווען די צוויי האבן געשמעקט די טאביק האבן זיי צוריק באקומען

זייערע מדריגות, גלייך האבן זיי ביידע געזאגט, אז ווען זיי וואלטן געוויסט וואס איין שמעק טאביק קען ברענגען, וואלטן זיי נישט מהרר געווען נאך רבי גרשון, האט דער בעש"ט זיי געזאגט, וויסן זאלט עטץ אז עס איז געווען א גזירה אויף ענק ביידע אז עטץ זאלטס נישט אויסלעבן די יאר, אבער דורכן צוריק צוען פון וואס עטץ האטס געטראכט האב איך מבטל געווען די גזירה.

עס איז געווען א אדם פשוט וואס האט געוואוינט אין שטאט פון רבי גרשון מקיטוב זי"ע, וואס האט געטון אסאך מעשים טובים בחייו און אויס געהאלטן תלמידי חכמים, ווען ער איז נפטר געווארן און איז געקומען צו רבי גרשון, האט ער אים געפרעגט ווי אזוי עס גייט אים דארט בעולם העליון,

האט דער איד געזאגט, אז וועגן זיינע מעשים טובים האט מען אים געלייגט אין גן עדן, אבער ער שעמט זיך זייער ווייל קיין תורה האט ער נישט אסאך געלערנט בחייו און ער פארשטייט גארנישט וואס מען לערנט דארט, האט ער געבעטן א טובה פון רבי גרשון, אז ער זאל לערנען לעילו נשמתו משניות און דאס וועט פאר אים זיין א טובה בעולם העליון, רבי גרשון האט פון דאן געלערנט משניות פאר דעם איד'ס נשמה,

נאך א שטיק צייט איז ער צוריק געקומען צו רבי גרשון און געזאגט, אז יעצט זיצט ער אין גן עדן און זאגט דברי תורה, און די וואס זענען דארט פארשטייען נישט וואס ער זאגט אזוי הויעך האט די משניות פון רבי גרשון געטראגען דעם איד'ס נשמה.

הרה"ק רבי גרשון מקיטוב זי"ע איז איין שבת קודש געזעצען און געלערנט מיט הרה"ק רבי נחמן מהורדנקא זי"ע וואס איז אויך געווען צווישן די גרויסע תלמידים פונעם בעש"ט הק' זי"ע, און עס איז געווארן גאר שפעט ביינאכט און די אויל פין די ליכט האט זיך אויס געניצט און עס האט זיך אנגעהויבן פארלעשן, האט זיך רבי גרשון אנגערופן "וואס איז דאס ביטל תורה", האט די ליכט ווייטער געברענט די גאנצע שבת ביז מוצאי שבת וואס דאן האט רבי גרשון געזאגט גענוג, און די ליכט האט זיך פארלאשען.

ווען דער צדיק רבי גרשון מקיטוב זי"ע האט געוואוינט אין שטאט בראד, האט דארט אויך געוואוינט הגה"ק רבי חיים צאנזער זי"ע וואס איז נאך דאן געווען פון די גרויסע מתנגדים קעגן דעם דרך החסידות, איז געווען די ערשטע נאכט סוכות און עס איז אראפ געקומען א גרויסע רעגן, און דער גאון רבי חיים האט זיך זייער מצער געווען אז ער קען נישט מקיים זיין די מצוה סוכה כהלכה,

איז איינער אריין געקומען און פארציילט, אז ביי די סוכה פון רבי אברהם גרשון מקיטוב זי"ע רעגנט נישט, האט דער גאון געשיקט איינעם זעהן צו דאס איז אמת, נאך א שעה איז דער שליח צוריק געקומען און פארציילט, אז עס איז אמת אז דער רבי גרשון זיצט אין סוכה און עס רעגנט נישט, רבי חיים איז בכלל נישט נתפעל געווארן דערפון און ער איז דאן געזיצען מיט זיין זוהן און גערעדט, און בתוך הדברים האט ער געזאגט אז די מופתים וואס די חסידים מאכן איז נישט לפי רוח התורה,

די קומענדיגע טאג יו"ט צופרי האט רבי חיים געטראפן רבי גרשון אין ביהמ"ד גייענדיג אין מקו' און גיבט אים א פרעג, רבי ווי אזוי מעג מען זיצן אין די סוכה און רעדן לשון הרע, דער גאון האט זיך געוואונדערט און געפרעגט דעם רבין, ווי אזוי ווייסטו וואס איך האב גערעדט מיט מיין זוהן, קיינער איז דאך נישט דארט געווען בשעת מעשה,

אויב ווילסטו מיר זאגן אז א מלאך האט דיר דאס געזאגט, ווי אזוי קען זיין אז א מלאך זאל רעדן לשון הרע, האט דער צדיק בי גרשון מקיטוב זי"ע געענטפערט, אז חז"ל זאגן דאך, "כל העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד, וכל העושה עבירה אחת קונה לו קטגור אחד", און די קטגור וואס איז באשאפן געווארן פון די לשון הרע איז מיר דאס געקומען פארציילן.

ווערט געברענגט אין שבחי בעש"ט, אז ווען דער צדיק וקדוש רבי גרשון מקיטוב זי"ע איז געווען אין ארץ ישראל, איז דאן ארויס געקומען א גזירת שריפה אויף די תלמוד אינעם שטאט פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, האט דאן דער בעש"ט געשיקט א בריוו צו זיין שוואגער אין ארץ ישראל, און ער האט געבעטן אז דער שוואגער זאל ארויף גיין צום מערת המכפלה, און מתפלל זיין צו די אבות הקדושים אז די גזירה זאל בטל ווערן,

יענע צייט איז די מערת המכפלה געווען אונטער די הערשאפט פון די אראבער'ס, און וועגן דעם איז געווען גאר שווער און א סכנה פאר א איד צו גיין צום מערת המכפלה, אבער דער צדיק רבי גרשון האט נישט

געטראכט, נאר ער איז גלייך געפארן קיין חברון, מיט חכמה איז ער נאנט געווארן מיט איינע פון די שומרים דארט ביים מערת המכפלה,

נאך א שטיק צייט האט ער מצליח געווען צו משכניע זיין דעם שומר אז ער זאל אים לאזן אריין גיין צו די מערה פון די אבות הקדושים, אבער דער שומר האט אים אן געזאגט, אז ער זאל זיך נישט אויף האלטן צו לאנג, ווייל עס גייט קומען א נייער שומר, און אויב יענער וועט אים דארט טרעפן איז זיין לעבן אין א סכנה,

דער צדיק רבי גרשון איז אריין און מתפלל געווען און איינגעריסן ביי די אבות אז די גזירה זאל בטל ווערן, אבער פון גרויס התרגשות און דביקות, האט זיך עס פארצויגען פאר גאר לאנג, און ווען ער איז ארויס געקומען איז שוין דארט געווען א צווייטע שומר, און דער שומר האט גלייך ארעסטירט דעם צדיק און מען האט דאן ל״ע דן געווען דעם צדיק וקדוש צו מיתה, דער אור החיים הקדוש זי״ע ווען ער האט געהערט פון די גזירה, האט ער איינגעריסן בעולמות העליונים אז דער צדיק רבי גרשון זאל ניצול ווערן פון די הענט פון די רוצחים,

אבער בדרך נס ממש איז דער צדיק ניצול געווארן פון די הענט פון די אראבער׳ס, און דאן איז דער צדיק מיט קפיצת הדרך אנגעקומען קיין ירושלים, דער אור החיים הקדוש זי״ע האט זיך גאר שטארק געפרייט צו זעהן דעם צדיק אז ער איז בחסדי השם ניצול געווארן פון די רוצחים, דאן איז דער צדיק רבי גרשון אנטלאפען פון ארץ ישראל, און צוריק געפארן קיין בראדי, אבער די גזירה אויף תלמוד איז בטל געווארן אין דעם זכות פון די תפילות פון דעם צדיק אין חברון,

איינע פון די בריוון וואס רבי גרשון מקיטוב זי״ע האט געשריבן צום בעש״ט הקדוש זי״ע, שרייבט ער דארט, אז ער האט געהאט א חלום, און מען האט אים געוויזן אין חלום, אז עס איז דא צוויי סארטן דאקטורים, איין דאקטאר היילט מיט ביטערע מעדעצינען, און דער צווייטער דאקטאר היילט מיט מער זיסע מעדעצינען, און מען האט אים אין חלום מגלה געווען, אז דער צווייטער דאקטאר וואס היילט מיט זיסע מעדעצינען איז אסאך א בעסערע דאקטאר,

האט אים דער בעש״ט הקדוש זי״ע פותר חלום געווען אזוי, מען האט דיר מגלה געווען פון הימל לגבי די צדיקים פונעם דור, ווייל עס איז דא א צדיק וואס היילט אויס חולי נפש דורך תעניתים און סיגופים, וואס דאס איז אזוי ווי ביטערע מעדעצינען, אבער דאן איז דא צדיקים וואס זייער עבודה איז דורך אכילה ושתיה, וואס דורך דעם זענען זיי מעלה ניצוצות הקדושים און דינען דעם באשעפער מיט די וועג, וואס דאס איז אסאך א גרעסערע וועג פון עבודת השם, וואס דאס איז אזוי ווי דער דאקטאר וואס היילט מיט זיסע מעדעצינען.

**יארצייט**
**דינסטאג כ״ה אדר**

**הרה״ק רבי בצלאל יאיר ב״ר יחיאל זי״ע,**
**(דאנציגער), מלאדזש, אלכסנדר,**

ער איז געבוירן אין שטאט פילץ, כ״ה אדר בשנת תרכ״א,

אלס בן זקונים צו זיין הייליגען טאטן הרה״ק רבי יחיאל דאנציגער זי״ע, הנקרא האדמו״ר הזקן מאלכסנדר,
בן הרה״ק רבי שרגא פייבל מגריצא זי״ע, מגדולי תלמידי החוזה מלובלין זי״ע,
בן הגה״ק רבי צבי הירש מווארשא זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת רויזא מינדל ע״ה,
בת הרה״ק רבי דוד מפשיסחא זי״ע,

ער איז געווען דער יונגסטער ברודער פון הרה״ק רבי ירחמיאל ישראל יצחק בעל ישמח ישראל מאלכסנדר זי״ע און הרה״ק רבי שמואל צבי בעל תפארת שמואל מאלכסנדר זי״ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א גאון עצום בתורה, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן נישט אוועק גערירט פון די הייליגע תורה, ער האט זיך געפלאגט אויף תורה יעדע מינוט פון זיין לעבן, כמעט וואס מען האט דעם צדיק נישט געזען גיין ד׳ אמות אן קיין תורה אדער תפילה, זיין עבודת השם איז געווען בקדושה וטהרה און מיט א געוואלדיגע דביקות ומתיקות,

ספעציעל האט מען דעם צדיק כסדר געזען זאגן תהילים מיט בכיות נוראות, און אפילו דאס פנים פון דעם צדיק האט געלאכטן פון קדושה, האט מען אבער נישט געזען קיין שחוק אויפן פנים פונעם צדיק, מען האט קיינמאל נישט געהערט פון דעם צדיק קיין שיחה בטלה אדער סתם שיחות חילון, ער איז געווען א עניו מאוד און פון זיך באמת נישט געהאלטן, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות,

ער האט זיך גאר אסאך מסגף געווען און נישט נהנה געווען פון די וועלט, נאך א גאנצע טאג פון עבודת השם מיט א ברען, האט זיך דער צדיק דערקוויקט מיט אביסל קאשע און א גלאז טיי, ווייל תאוות עולה הזה האט ביי דעם צדיק נישט פארנעמען קיין פלאץ, מען האט געזען ווי דער צדיק לעבט ממש נישט אויף דער וועלט, נאר ער איז געווען כל כולו קודש און דבוק אינעם גרויסן באשעפער, אפילו די געלט וואס ער האט באקומען ווען ער איז שוין געווען שפעטער רב אין א שטאט, איז דאס גאנצע געלט נעגאנגען פאר צדקה וחסד און דער צדיק האט כמעט נישט נהנה געווען פון דאס געלט, צדיקים האבן מעיד געווען אז דער צדיק האט באמת נישט געוויסט דעם צורת המטבע,

זייענדיג דער בן זקונים ביי זיין גרויסן טאטן, האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע אהבה פונעם טאטן, דער טאטע האט מיט אים גאר אסאך תורה געלערנט און אויך אין עבודת השם האט ער מקבל געווען גאר אסאך פון זיין גרויסן טאטן, דער טאטע פלעגט גאר שטארק באוואונדערן זיין גדלות בתורה און זיין התנהגות בקדושה נפלא,

נאך אלס גאר יונג קינד האט דער צדיק וקדוש אראפ געלייגט אן עבודה מיטן זאגן תהילים מיט בכיות נוראות און השתפכות הנפש, דער טאטע האט אמאל געזאגט פאר איינע פון די זקני חסידים בזה״ל, ״האם אתה מבין את ערך אמירת התהילים שלו״,

נאך זייענדיג גאר יונג האט ער חתונה געהאט מיטן טאכטער פון הרה״ק רבי צבי הירש טיבערג מפלאוונה זי״ע,

נאך די חתונה איז ער צוריק געפארן וואוינען נעבן זיין גרויסן טאטן אין אלכסנדר, דארט האט דער צדיק ווייטער עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, דאן איז ער שוין געווארן מפורסם אלס א איש קדוש מאוד און א גדול בתורה, גרויסע צדיקים און גאונים בדורו האבן ממש באוואונדערט זיין גדלות בתורה,

י״ד שבט בשנת תרנ״ד ווען זיין הייליגע טאטע דער זקן מאלכסנדר זי״ע איז נסתלק געווארן, האבן א גרויסע חלק פון די חסידים געוואלט אויף נעמען דעם יונגסטן זון רבי בצלאל יאיר זי״ע אלס ממלא מקום פונעם טאטן, אבער ער האט בשום אופן נישט מסכים געווען, נאר ער האט זיך מכניע געווען פאר זיין גרויסע ברודער דער הייליגער ישמח ישראל זי״ע,

ער האט זיין גאנץ לעבן ממאס געווען ברבנות און נאר געווען משוקע אין תורה ועבודת השם בהצנע לכת, ווען

מען האט שוין יא אמאל זוכה געווען צו הערן דברי תורה פון דעם צדיק וקדוש, איז דאס געווען דברי תורה וואס ער האט נאך געזאגט פון זיין גרויסן ברודער דער הייליגער ישמח ישראל זי״ע וואס די הייליגע דברי תורה פון זיין ברודער זענען געווען חרותים על לוח לבו, ער פלעגט נאך זאגן די דברי תורה מיטן לשון מלה במלה, ער האט זיך מבטל געווען פארן ברודער ממש ווי א פשוטע חסיד צו זיין רבין,

כ״ט טבת בשנת תר״ע ווען דער הייליגער ישמח ישראל זי״ע איז נסתלק געווארן, האט מען געוואלט נעמען דעם ברודער בצלאל יאיר זי״ע אלס ממלא מקום פונעם ברודער, אבער ער מיט זיין גרויס עניוות און ביטל זיך נישט געלאזט, נאר געהייסן מען זאל אויף נעמען דעם אנדערן ברודער הרה״ק רבי שמואל צבי בעל תפארת שמואל זי״ע אלס ממלא מקום, און אויך ביים דעם ברודער האט ער זיך מבטל געווען ווי א פשוטע חסיד און מקבל געווען תורה ועבודת השם פון אים,

אין די צייטן פונעם ערשטע וועלט מלחמה האט דער צדיק וקדוש זיך אויף געהאלטן אין שטאט לאדזש, און בהסכמת פון זיין גרויסע ברודער דער הייליגער תפארת שמואל זי״ע, האט דער צדיק אנגעהויבן פירן רבנות און נעמען קוויטלעך פון חסידי אלכסנדר וואס האבן געוואוינט דאן אין לאדזש, גאר אסאך זקני חסידים און געהויבענע חסידים פון אלכסנדר האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש, ער האט משפיע געווען תורה ועבודת השם אויף אידישע קינדער מיט אן אמת און התלהבות דקדושה,

ווערט דערציילט, אז ווען דער צדיק וקדוש רבי בצלאל יאיר זי״ע האט זיך געצויגען קיין לאדזש, האט דער צדיק געוואוינט אין שכינות פון א גוי א שונא ישראל, און דער גוי האט נישט אויס געהאלטן צו וואוינען נעבן אזא קדוש וואס האט אפ גערעכטן זיין עבודת הקודש מיט א ברען און קדושה, האט ער געהייסן דעם בעל הבית פונעם בנין, אז ער זאל פארטרייבן דעם רבין, און אויב נישט וועט ער ח״ו נעמען אייגענע שריט,

דער איד האט פארשטייט זיך נישט געוואלט ארויס שיקן דעם צדיק וקדוש פון ביי זיך אין בנין, האט ער זיך ארויס געדרייט פונעם גוי, אז יעצט איז דאך ערב שבת, און צו געזאגט אז נאך שבת וועט ער נעמען שריט, אבער לפלא יענעם שבת קודש האט דער גוי דער רשע גע׳פגר׳ט און געהאט א מיתה משונה, און מען האט געזען

דעם גרויסן כח פון דעם צדיק וקדוש, אז דער גרויסער באשעפער האט זיך אנגענומען פאר זיין כבוד,

ער איז דאן געווארן מפורסם אין גאנץ פולין מיט זיין גדלות התורה וקדושה, אויך איז ער דאן געווארן מפורסם אלס א גרויס פועל ישועות בקרב הארץ, הונדערטער און טויזענטער אידן פון אלע שטעט ארום זענען געקומען צו דעם צדיק וקדוש פאר א דרך אין עבודת השם און ברכות און ישועות, ער איז געווען באקאנט מיט זיינע ישועות וואס ער האט משפיע געווען פאר חשיכי בנים, וואס ער פלעגט הייסן פאר אידן געבן דעם סכום פון 52 זהובים פאר צדקה כמנין ״בן״ און מיט דעם האט ער צענדליגע איד געהאלפן מיט זש״ק,

מען האט כסדר געזען ווי דער צדיק וקדוש נעמט א צרה פון א איד ממש צום הארץ, אידן וואס זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביי דעם צדיק מיט א צרה אדער להפקד בדבר ישועה ורחמים, האט מען געזען ווי דער צדיק גערעדנקט די נעמען ווי עס וואלט געווען פארשריבן ביי אים אין הארץ, אפילו סוף ימיו ווען ער איז שוין געווען גאר שוואך און קראנק, האט מען געהערט ווי דער צדיק זאגט נעמען פון הזכרת וואס מען האט ביי אים מזכיר געווען,

דעם טאג פון זיין הסתלקות האט ער געלאזט ריפן אלע זיינע קינדער און יוצאי חלציו, און ער האט זיך מיט זיי געזעגענט און אנגעזאגט ווי אזוי מען זאל זיך פירן נאך זיין הסתלקות, ער האט ביזן לעצטן מינוט געדינט דעם באשעפער מיט א ברען און א מסירת נפש ממש, בשעת זיין פטירה האט געזאגט בקול רם בזה״ל, ״וקברתני בקברות אבותי״, און דאן האט ער געזאגט שמע ישראל, ויצאתו נשמתו בקדושה וטהרה,

נישט אסאך בעפאר זיין פטירה איז ער געווען זייער נישט געזונט, און די דאקטורים האבן געזאגט אז מען ברויך אים אפערירען, מען האט דעם אפעראציע געמאכט ביי אים אין שטוב, און בשעת מען האט איינגעשלעפט דעם צדיק פאר די אפעראציע, האט דער דאקטאר געבעטן אז דער צדיק זאל ציילן די נומער׳ס ביז ער שלאפט איין, האט זיך איינע פון די מקורבים צו געבויגען צו הערן וואס דער צדיק זאגט, האט ער געהערט ווי דער צדיק זאגט, איינמאל און נאכאמאל ״ד׳ הוא האלקים״ ביז דער צדיק איז איינגעשלאפן, ווייל דער צדיק איז כסדר זיין גאנץ לעבן געווען דבוק אינעם באשעפער,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי אברהם יהודה מלאדזש זי"ע, הי"ד,
הרה"ק רבי יחיאל זי"ע, הי"ד,
חתנו הרה"ק רבי יהודה משה דאנציגער מאלכסנדר בני ברק זי"ע,
חתנו הרה"ק רבי מרדכי מנחם קאליש מווארקא זי"ע, הי"ד,
חתנו הרה"ק רבי יצחק דמבינסקי ממקוב זי"ע, הי"ד,
חתנו הרה"צ רבי ישראל אלימלך פרומער מראדום זי"ע, הי"ד,

נסתלק לגנזי מרומים כ"ה אדר בשנת תרצ"ד, ומנחתו כבוד איז סמוך ונראה צו זיין הייליגען טאטן הזקן מאלכסנדר זי"ע אין ביה"ח אין שטאט אלכסנדר,

הונדערטער אידן האבן באגלייט דעם ארון הקודש פון דעם צדיק גייענדיג אויף די פיס פון שטאט לאדזש ביז קיין אלכסנדר וואס איז געווען א גאר לאנגע וועג, אלעס פארן כבוד פון דעם צדיק וקדוש זי"ע,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

לגבי דאס קדושה וואס דער צדיק האט שוין געהאט אלס קליין קינד דערציילט מען, אז אלס קליין קינד האט דער קינד איין נאכט נישט געוואלט גיין שלאפן און זייער געוויינט, די מאמע האט נישט געוויסט וואס צו טון, איז זי אריין צו איר הייליגע מאן הרה"ק רבי יחיאל הזקן מאלכסנדר זי"ע, און געבעטן אז דער טאטע זאל הייסן דעם קינד גיין שלאפן,

האט דער טאטע געפרעגט די מאמע, "זאג נאר ווער האט מסדר געווען דאס בעט פונעם קינד", האט די מאמע געזאגט, אז דאס האט געטון די משרת, האט דער טאטע געהייסן אז די מאמע זאל איבער מאכן דעם בעט, און לפלא איז דער קינד גלייך געגאנגען שלאפן, דאס איז געווען זיין קדושה שוין פון אלס קליין קינד.

ווי באקאנט איז דער צדיק וקדוש רבי בצלאל יאיר זי"ע געווען מפורסם מיט זיינע גרויסע ישועות וואס ער האט געברענגט פאר אידישע קינדער, מען האט ממש געזען ווי חז"ל זאגן "צדיק גוזר והקב"ה מקיים", און ווי מען זעט אין ספרים הקדושים ווי "נועם אלימלך" און ספר הקדוש "קדושת לוי", אז ווען א איד היט זיך אפ מיט זיינע דבורים און רעדט נישט קיין דברי חול, קען דער צדיק וקדוש פועל'ן ישועות אויבן אין הימל,

ווערט דערציילט א מעשה וואס איז פאר געקומען ביים ברודער הרה"ק בעל ישמח ישראל מאלכסנדר זי"ע, ווען א איד א גרויסע עושר איז געווארן אריינגעדרייט און א שווערע עסק מיט די שטאט, עס האט דעם איד געדראדט א שווערע שטראף,

איז דער איד געקומען צום הייליגען ישמח ישראל זי"ע און געבעטן אז די רבי זאל אים געבן א ברכה אז ער זאל ארויס גיין זכאי בדין, אבער דער הייליגער ישמח ישראל זי"ע האט דעם איד נישט געוואלט צו זאגן קיין ישועה, זעענדיג אז עס איז א גאר שווערע גזירה,

דער איד איז ארויס אינגאנצן צובראכן און נישט געוויסט וואס ער זאל יעצט טון, האט אים איינע פון די חסידים געזאגט, גיי צום ברודער פונעם רבין רבי בצלאל יאיר זי"ע וואס זיצט ביים עק פונעם ביהמ"ד, און געב דעם צדיק א שיינע נדבה, און לאז דיך נישט ביז דער צדיק זאגט דיר צו א ישועה,

דער איד זייענדיג עובד עצות האט נישט געטראכט קיין סאך, נאר גלייך צו געגאנגען צום צדיק רבי בצלאל יאיר זי"ע, און אים געגעבן א נדבה, און זיך איינגעבעטן פאר א ישועה, פארשטייט זיך אז דער צדיק מיט זיין גוט הארץ פאר א אנדערן איד, האט גלייך מבטיח געווען פאר דעם איד א ישועה און אז ער וועט ארויס גיין זכאי בדין,

ווען עס איז אנגעקומען צום אויער פונעם ברודער דער הייליגער ישמח ישראל זי"ע, אז זיין ברודער האט דעם איד צו געזאגט א ישועה, האט ער געלאזט ריפן זיין ברודער און געפרעגט, ברודער לעבן פון ווי האסטו גענומען דעם כח צו מבטיח זיין א ישועה פאר דעם איד,

האט דער צדיק רבי בצלאל יאיר זי"ע געענטפערט פאר זיין ברודער מיט א פשטות און תמימות, מיין טאטע דער הייליגער זקן מאלכסנדר זי"ע האט געזאגט, אז א איד וואס היט זיך דאס מויל און רעדט נישט קיין דברים בטלים, שטייט אין פסוק (במדבר ל' ג') לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה, אז דאן איז דער באשעפער מקיים וואס דער איד איז גוזר,

דאן האט דער הייליגער ישמח ישראל זי"ע א קלאפ געגעבן אויפן טיש און געזאגט, דער ברודער איז גערעכט און דער ברודער איז ארויס, פארשטייט זיך אז דער איד דער עושר איז ארויס זכאי בדין אזוי ווי דער צדיק האט געוואונטשען.

איין שבת קודש האט איינע פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק וקדוש רבי בצלאל יאיר מלאדזש זי"ע געוואלט מכבד זיין דעם רבין מיט כבוד הראי לו, האט דער איד געבעטן זיין ווייב אז זי זאל צו גרייטן א שיינע גרויסע קוגל לכבוד דעם רבין פאר שבת קודש, און לכבוד דעם רבין האט דער חסיד געקויפט א שיינע גלאזענע טאָץ און דאס גע'טובל'ט אז עס זאל זיין כשר, און אזוי האט ער געגרייט דעם קוגל לכבוד דעם רבין.

שבת קודש צופרי ביים שולחן הטהור האט מען אריין געברענגט דעם קוגל אויפן טיש, אבער גלייך האט דער צדיק וקדוש געהייסן מען זאל דעם קוגל אראפ נעמען, די חסידים דארט האבן נישט געוואלט ווי טון פאר דעם איד, און האבן געמיינט אז אפשר האט זיך די רבי טועה געווען, האבן זיי צוריק געלייגט דעם קוגל אויפן טיש, אבער גלייך האט דער צדיק געוויזן אז מען זאל דאס אראפ נעמען פון טיש.

די חסידים האבן גלייך פארשטאנען אז יש דברים בגו, און אז עפעס האט דער צדיק מרגיש געווען אויף דעם קוגל, און וועגן דעם האט ער דאס געהייסן אראפ נעמען, זענען זיי גלייך אריבער צו דעם חסיד אין שטוב און געפרעגט דעם ווייב פונעם חסיד וואס זי האט געטון מיט דעם קוגל, האט זי געזאגט אז זי האט גאר שטארק אכטונג געגעבן אויף כשרות און אפילו דעם טאָץ האט מען גע'טובל'ט לויט די הלכה.

אבער דאן האט די פרוי געזאגט אזוי מסיח לפי תומה, אז אזוי ווי עס איז געווען די מנהג דארט אין שטאט, אז מען האט געטראגן די עסן פון שטוב צום בעקער, און דארט האט זיך אלעס געהאלטן ווארעם, און ווען מען האט געברויכט דאס עסן האט מען עס געברענגט אין שטוב, און צופרי האט די פרוי געשיקט די משרת אז זי זאל ברענגען דעם קוגל, און כדי די קוגל זאל זיך האלטן ווארעם, האט די משרת דאס אריין געלייגט אינעם אויוועןn ביי דעם חסיד אין שטוב.

דאן האבן שוין די חסידים פארשטאנען וואס דער צדיק וקדוש האט מרגיש געווען אויף דעם קוגל, ווייל וויבאלד מען האט דאס שוין געהאט ארויס גענומען פונעם אויוועןn ביים בעקער, און אפילו אז די משרת וואס איז נישט געווען קיין איד האט דאס צוריק געלייגט אינעם אויוועןn ביים חסיד אין שטוב, האט שוין דער צדיק נישט געוואלט עסן פון דעם קוגל, און דאס האט דער צדיק מרגיש געווען גלייך ווען מען האט די קוגל אריין געברענגט.

א יונגע בחור איז אמאל געקומען צום צדיק וקדוש רבי בצלאל יאיר זי"ע און זיך מזכיר געווען אז די רבי זאל אים געבן א ברכה אז ער זאל באפרייט ווערן פון די מיליטער, האט אים דער צדיק געזאגט בזה"ל, "לכתחילה וואלט געווען געראטן אז בשעת די שטעלסט דיך צום מיליטער, זאלסטו מצייר זיין דעם צורה פון מיין גרויסן טאטן דער זקן מאלכסנדר זי"ע, אבער אזוי ווי די האסט דאך נישט געקענט מיין גרויסן טאטן, זאלסטו מצייר זיין מיין צורה וואס איז זייער ענליך צו מיין טאטן", פארשטייט זיך דער בחור איז גלייך באפרייט געווארן פון די מיליטער.

האט דערציילט איינע פון די חסידים פונעם צדיק, אז ביי די חתונה פון זיין שוואגער הרה"ק רבי ישעיה מראספשע זי"ע זענען געזעצן גרויסע צדיקים און אדמורים און חשובע רבנים ביים חתונה, און דאן איז ארויף אויפן טיש דער בדחן החסיד המפורסם ר' ישראלקע ברודער ז"ל און ער האט געזאגט דברי בדחנות.

יעדער דארט אין זאל איז געווארן בשמחה און א שמייכל געגעבן פון די ווערטער פונעם בדחן, אבער דער צדיק וקדוש רבי בצלאל יאיר זי"ע, איז געזעצן אויפן פלאץ פארזינקען אין זיינע מחשבות אין א געוואלדיגע דביקות, אז ער האט אפילו נישט געוויסט וואס עס טוט זיך ארום אים, אזוי שטארק איז דער צדיק וקדוש געווען אויס געטון פון די וועלט.

**יארצייט**
**מיטוואך כ"ו אדר**

**הרה"ק רבי אהרן ב"ר שמשון זי"ע, דאקטאר גארדיא, מאוסטרהא,**

ער איז געבוירן אין שטאט פרייסן אין אירופה, בערך בשנת תע"ה,

צו זיין טאטן הגה"ק רבי שמשון זי"ע, וואס איז געווען פון דייטשלאנד,

רבי אהרן האט אין זיין יוגנט זיך משלים געווען בעניני רפואה, און איז געווען פון די גרעסטע דאקטורים אין מדינת פולין, ער איז געווען די פרעזענליכע דאקטאר פון קעניג פרידריך מלך פרוסיה, פון דארט איז ער אריבער קיין וואהלין, נאך דעם וואס פולין איז געווארן צוטיילט איז ער געווארן די פרעזענליכע דאקטאר פון מלך רוסיא, און אלס אות הצטיינות פאר אלעם וואס ער האט געטון בעניני רפואה האט ער זיך ארום געדרייט מיט א שווערד אויף זיך,

איין טאג האט ער זיך געטראפן מיט הרה"ק רבי דוב בער המגיד הגדול ממזריטש זי"ע, און פון דאן האט ער איבער געלאזט זיין כבוד און גרויסקייט ביים מלך, און זיך איינגאנצן מדבק געווען און מקשר געווען צום הייליגען מגיד ממזריטש און פון דאן איז ער געווארן א בעל תשובה.

עס איז דא אפאר נוסחאות ווי אזוי דער צדיק וקדוש רבי אהרן דאקטאר גארדיא זי"ע איז נתקרב געווארן צום מגיד, און דאס איז איינע פון זיי,

איינמאל איז א איש נכבד פון ווילנא דורך דעם שטאט מעזריטש פאר געשעפטן, און ער האט געהערט פון די גרויסקייט פינעם הייליגען מגיד ממזריטש זי"ע, האט ער אפ געשטאט א באזיך ביים מגיד כדי צו זעהן זיין צורת קדשו, ווען ער איז אריין געקומען האט ער געזאגט פארן מגיד, אז ער איז נישט געקומען מיט קיין ספעציעלע בקשה, נאר ער האט געהערט פון די גדלות און קדושה פונעם מגיד איז ער געקומען זעהן דעם הייליגען איד,

האט די מגיד אים געזאגט, די זאלסט וויסן אז נישט די דאקטאר היילט אויס א חולה, נאר די מלאך וואס באגלייט דעם דאקטאר ער ברענגט די רפואה, און אויב איז ער די דאקטאר פונעם מלך, דאן באגלייט אים די מלאך רפאל, דער איד האט נישט פארשטאנען וואס די מגיד וויל אים זאגן מיט די ווערטער, און ער איז זיך געגאנגען וועיטער,

עס איז נישט דורך קיין לאנגע צייט און דער איד איז ליידער קראנק געווארן, עד כדי כך אז ער איז געווען אין א גרויסע סכנה, און אלע דאקטורים אין שטאט האבן אויף געגעבן אויף אים, יענע צייט איז די מלך פין פורסיה געפארן אויף א נסיעה און ער איז אנגעקומען קיין ווילנא מיט אלע זיינע באדינערס און אויך זיין פרעזענליכע דאקטאר דר. גארדיא,

זענען די קרובים פין דעם איד געקומען צו דעם דאקטאר און זיך געבעטן ביים דאקטאר אז ער זאל אריבער קומען צו דעם איד און זעהן וואס ער קען אים העלפן, ווען ער איז אנגעקומען צום איד האט ער גלייך געפרעגט די ארימיגע פארוואס מען האט אים געריפען, קען איך דען מחיה מתים זיין א מענטש, ווייל ער האט נישט געזען קיין בדרך הטבע וועג צו קענען דעם איד אויס היילען,

ווען די דאקטאר האט שוין געהאלטן ביים גיין האט ער א בליק געגעבן אויפן חולה און ער זעהט אז די מצב האט זיך אביסל פארבעסערט, איז ער צוריק געקומען און געהייסן מען זאל שנעל גיין ברענגען א רעצעפט פארן חולה, ווען דער שליח איז געגאנגען האט די דאקטאר אים צוריק גערופען און געהייסן מען זאל ברענגען א אנדערע רעצעפט, ווייל די מצב פונעם חולה איז נאך מער בעסער געווארן, און אזוי איז געווען אפאר מאל ביז די דאקטאר האט געזעהן, אז די מחלה גייט אוועק צוביסלעך ביז די חולה איז אינגאנצן געזונט געווארן, דער דאקטאר האט דאס מוראדיג באוואונדערט און נישט געקענט גלייבן וואס ער זעט,

און א קורצע צייט האט זיך די חולה אויפגעזעצט און געזאגט פארן דאקטאר די ווערטער פונעם מגיד, "אז נישט די מעדעצין אדער די דאקטאר היילט, נאר די מלאך רפאל וואס קומט מיטן דאקטאר ער היילט דעם חולה, און דער חולה האט צוגעלייגט אז דאס זענען נישט זיינע ווערטער, נאר מפי קדשו פונעם גרויסן מגיד ממזריטש,

ווען דער דאקטאר האט געהערט די ווערטער האט ער געבעטן מען זאל אים געבן דעם אדרעס פונעם מגיד און ער האט דאס פארשריבן און ער איז אהיים געגאנגען, זייט געמאלטס האט דער דר גארדיא נישט געהאט קיין מנוחה, זיין נשמה האט זיך דערוועקט און ער האט זיך דערמאנט פונעם שטוב פון זיין טאטן וואס איז געווען א ערליכע איד, און ער איז ליידער פארקראכן געווארן מיט זיין לערנען חכמת הרפואה,

ער האט דאן איבער געלאזט דעם שטוב פונעם מלך און אריבער צום הייליגען מגיד ממזריטש און געבעטן פונעם רבין אז די רבי זאל אים אויסהיילען מחולי הנפש, און איך וועל אויסהיילען אידישע קינדער מחולי הגוף.

דער דאקטאר איז שוין פארבליבען ביים מגיד און די מגיד האב אים ארויף געברענגט זיין נשמה און ארויסגענומען זיין נשמה מבין הקליפות, ביז ער איז געווארן א צדיק, און פון דאן און ווייטער פלעגט ער זיך מטפל זיין מיט די חולים דארט אין שטאט מעזריטש.

הרה"ק רבי ישראל דוב בער מווילעדניק זי"ע, אין זיין ספר שארית ישראל שרייבט בתוך דברי ביאור במדריגות הצדיקים בזה"ל, "כמו שידוע מהמגיד הגדול ממזריטש שלקח את הרופא גארדע מעמקי הקליפות והושיבו ברום המעלות".

ער האט נישט איבער געלאזט קיין זוהן נאר איין טאכטער האט ער איבער געלאזט און מען האט איר גערופען "חנה'לע די דאקטערין", ווייל זי האט געקענט די חכמת הרפואה פונעם טאטן, און זי האט ממשיך געווען צו עוסק זיין און דאקטעריי אונעם שטאט פונקט ווי דער טאטע האט געטון.

ער איז נסתלק לגנזי מרומים ביי די 95 יאר אלט זקן ושבע ימים, כ"ו אדר ב' בשנת תק"ע, ומנוחתו כבוד איז צווישן די גדולים ורבנים מאוסטרהא.

על פי זיין צוואה האט מען נישט געלייגט קיין שבחים אויפן מצבה נאר די ווערטער, "פ"נ הישיש והזקן שהלך ושימש חכמים, אשר שימש להרב בוצינא קדישא מ"מ דק"ק מעזריטש, מ' אהרן במו' שמשון דאקטר גארדא, נפטר כ"ו אדר שני תק"ע לפ' ת'נ'צ'ב'ה".

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

איינמאל האט דער הייליגער דאקטאר גארדיא געפרעגט דעם מגיד זי"ע, אז פון מאל צו מאל איז אים מבלבל מחשבות זרות פון וואס ער האט געטון פאר ער האט תשובה געטון, און געבעטן דעם מגיד זאל אים העלפן, האט דער מגיד געזאגט א משל, עס איז געווען א איד וואס האט געהאט א שענק ווי גוים פלעגן קומען טרינקען, ויהי היום דער איד האט אויפגעגעבן זיין שענק און אנגעהויבן האנדלען מיט האלץ, אבער די גוים פלעגן קומען זיכן משקה, האט ער געזאגט פאר די גוים אז ער ארבעט מער נישט מיט קיין משקה ביז זיי האבן זיך צוגעוואינט און מער נישט געקומען, האט די מגיד אויס געפירט, די זעלבע איז מיטן יצר הרע, יעדעס מאל ער קומט און פראבירט צו לייגען שלעכטע מחשבות, דארף מען אים זאגן איך ארבעט שוין מער נישט מיט די זאכן, און דער באשעפער וועט העלפן.

דער צדיק וקדוש רבי אהרן גארדיא זי"ע איז געווען דעם פרעזענליכע דאקטאר פונעם מגיד און ער האט נישט אפגעטרעטן פונעם בעט פונעם מגיד, איז געווען א שבת ווען די מגיד איז געווען זייער שוואך און געדאוונט ביי זיך אין שטוב און נאר דער דאקטאר איז דארט געווען,

האט דער צדיק רבי אהרן שפעטער דערציילט, אז ווען דער מגיד איז אנגעקומען צו "הודו" האט ער געזעהן ווי די בעט פונעם מגיד שוועבט צווי אמות העכער די ערד, ווען די מגיד איז אנגעקומען צו די ווערטער "כל אוכל תתעב נפשם", האט דער צדיק רבי אהרן שוין נישט געקענט בלייבן דארט פון דעם גודל נעימות ומתיקות וואס ער האט געשפירט, עד כדי כך אז ער האט פאר די קומענדיגע וואך נישט געקענט אריינעמען קיין דבר גשמי אין זיין מויל, און דער מגיד האט אים געזאגט, אז נאך א מזל ער האט נישט געהערט די ווערטער "ויגיעו עד שערי מות".

דער רבי אהרן ברוב ענוותנותו האט אמאל געזאגט, עס שטייט אין תהילים, "תהלת ד' ידבר פי" האט דער צדיק געזאגט, אז אויב א מויל ווי מיינס וואס האט געהאט אין זיך כל דבר אסור, קען זאגן תהלת ד', "ויברך כל בשר שם קדשו" דאן קען יעדע אידיש קינד זיכער זאגן תהילת השם.

הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע האט געזאגט, אז רבי אהרן גארדיא זי"ע האט זוכה געווען צו תשובה טון בשלימות און מאהבה, און ער איז געווארן פון די חבורה פון די 300 תלמידים פונעם מגיד וואס זענען געווען בעלי רוח הקודש אמיתי.

נאכן הסתלקות פונעם מגיד הגדול ממזריטש זי"ע, האט מען דעם רבי אהרן גארדיא אויפגענומען אלס דעם דאקטאר פונעם שטאט אוסטרהא, און ער פלעגט זיצן די גאנצע טאג אין ביהמ"ד על התורה ועל העבודה, און מען פלעגט קומען דארט פון צייט צו צייט מזכיר זיין א חולה, און יעדער האט געוויסט אז ער האט אויס געהיילט קראנקע נישט דורך זיין חכמת הרפואה, נאר מיט זיין כח הקדושה.

איינמאל איז רבי אהרן געזיצן אין ביהמ״ד צוזאמען מיט הגה״ק רבי אשר צבי מאוסטרהא זי״ע, וואס איז אויך געווען א תלמיד פונעם מגיד, און זיך מתווכח געווען, רבי אהרן האט געזאגט אז נישט די דאקטאר ברענגט די רפואה נאר די מלאך וואס שטייט נעבן דעם דאקטאר, און רבי אשר צבי האט יא משבח געווען די דאקטורים.

לימים איז רבי אהרן געגאנגען מבקר זיין א חולה און געזעהן אויפן מצב אז דער חולה האט נישט קיין וועג ארויס, אבער כדי נישט צו מצער זיין די משפחה האט ער פארשריבן א רעצעפט וואס ער האט געהייסן מען זאל דעם חולה געבן.

די קומענדיגע טאג איז די פרוי פונעם חולה געקומען אין ביהמ״ד און זיך באדאנקט פאר רבי אהרן פאר די ישועה, ווען רבי אהרן האט געפרעגט וואס זי האט געטון, האט די פרוי מיט איר תמימות געזאגט אז זי האט געטון וואס די דאקטאר האט געהייסן און דאס האט אויסגעהיילט דעם חולה, האט זיך ר׳ אהרן אויסגעדרייט צו רבי אשר צבי און געזאגט, זעהסטו וואס איך האב דיר געזאגט, נישט די דאקטאר אדער די מעדעצין היילט דעם חולה נאר די מלאך וואס קומט מיטן דאקטאר.

הגה״ק מסלאנים זי״ע האט פארציילט, אז איינמאל איז א מיידל געקומען צו לויפן צו רבי אהרן און פארציילט אז איר טאטע איז זייער נישט געזונט און ער איז אין א סכנה, און געבעטן אז די דאקטאר זאל שנעל קומען און אפשר וועט מען נאך קענען ראטעווען דעם טאטן, רבי אהרן האט געהערט וואס די מיידל זאגט און ער איז געגאנגען זיך אנטון די שיך און זיין אויבער ראק אבער ער האט דאס געטון מיט א געוואלדיגע מתינות ראויגערהייט.

די מיידל וואס האט געוויסט ווי שווער די מצב איז ביי איר טאטן, און געזעהן אז דער דאקטאר יאגט זיך נישט אזוי שטארק, האט זי א שריי געגעבן מיט א צובראכענקייט ״רבונו של עולם! הושיע נא אתה״, האט זיך די דאקטאר גארדיא אנגערופן פארן מיידל, די קענסט שוין אהיים גיין די טאטע וועט האבן א רפואה שלימה בקרוב.

און דער צדיק האט געזאגט, אז ווען די מיידל איז געקומען, האט זי זיך פארלאזט אז די דאקטאר וועט איר העלפן, און דערפאר האט ער זיך אזוי פארזאעמט, כדי זי זאל זיך מייאש זיין אז די דאקטאר וועט איר העלפן, און טאקע ווען זי האט אויס געשריגען צום באשעפער איז זי געהאלפן געווארן, ווייל די אמת׳ע ישועה קומט פונעם אייבערשטער און נישט פונעם דאקטאר.

איינע פון די גבירים פונעם שטאט אוסטרהא האט פארלוירען זיין גאנצע געלט, און דער גביר האט אויס געהאלטן הרה״ק רבי ברוך׳ל ממעזיבוז זי״ע, און רבי ברוך׳ל איז געבליבען בלי משען ומשענה, האט רבי אהרן דאקטאר מקבל געווען אויף זיך צו מפרנס זיין ר׳ ברוך׳ל מיט אלע זיינע געברויכען, אבער קיינער האט דאס נישט געוויסט נאר ער פלעגט שיקן דאס געלט מיט א חסיד גלייך צו די ווייב פון רבי ברוך׳ל,

נאכן פטירה פונעם דאקטאר ווען מען האט געזאגט פאר רבי ברוך׳ל אז רבי אהרן האט געשיקט דאס געלט פאר אים, האט ער זיך זייער מצער געווען אז מען האט אים דאס נישט געזאגט, און ער האט געזאגט אז אויב ער וואלט ווען געוויסט, וואלט ער געקענט טון א גרויסע טובה פאר רבי אהרן.

ווערט דערציילט אז דער זון פונעם מגיד ממעזריטש זי״ע הרה״ק רבי אברהם המלאך זי״ע וואס האט געוואוינט אין שטאט פאסטוב וואס איז געווען גאנץ ווייט פון מעזריטש, פלעגט אפאר מאל אין יאר זיין געשטעלט דורך זיין טאטן צו מקיים זיין בשליחות די מצוות השנה, סוכות פלעגט דער זון רבי אברהם המאלך לייגן די סכך פארן מגיד׳ס סוכה, און פסח האט ער באזארגט דעם טאטן מיט די מצות שמירה פארן סדר,

איין יאר האט דער זון געשיקט די מצות פארן טאטן מיטן צדיק וקדוש רבי אהרן דאקטאר גארדיא זי״ע, זייענדיג דער פרעזענליכער דאקטאר פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער מגיד ממעזריטש, האט זיך דער צדיק רבי אהרן גאר שטארק געוואונדערט, ווי אזוי דער מגיד וואס איז געווען א גאר שוואכער מענטש, וועט קענען עסן פון די מצות די כזתים ביים סדר,

אבער ער האט גאר גוט פארשטאנען אז די מצות פונעם מגיד, וואס זענען געבאקן געווארן דורך זיין גרויסן זון דער הייליגער מלאך, איז זיכער נישט קיין פשוטע מצות, נאר זענען געבאקן געווארן מיט א גאר גרויסע קדושה וטהרה און יחודים נפלאים, און דערפאר האט דער צדיק רבי אהרן גארדיא זי״ע גענומען איין מצה פאר זיך און אריין געשטעלט א מצה פון זיינע מצות אנשטאט,

אבער ווען עס איז געקומען צום סדר און דער צדיק רבי אהרן גארדיא זי״ע האט גענומען דעם ערשטן כזית פון דעם מצה פון זיין גרויסן רבין, האט ער גלייך אנגעהויבן פילען ווי זיין גאנצע גוף ברענט, ער האט ממש געשפירט ווי זיין גאנצע גוף ווערט פארברענט, איז מען שנעל געלאפן צום מגיד און דערציילט וואס עס קומט פאר, דער מגיד האט גלייך פארשטאנען וואס זיין גרויסע תלמיד האט דא געטון, און דער מגיד האט געהייסן מען זאל דעם דאקטאר גלייך געבן מעדעצין וואס מאכט מען זאל ברעכן,

און אזוי האט דער צדיק רבי אהרן אויס געבראכן דאס ביסל מצה וואס ער האט געגעסן פון דעם הייליגען מצה פון זיין רבין, דעם קומענדיגן טאג צופרי האט דער מגיד געזאגט פאר זיין גרויסן תלמיד רבי אהרן זי״ע, זאלסט וויסן אז נאר דערפאר וואס די דינסט אלס דאקטאר פאר מיר און איך ברויך דיך האבן אויף די וועלט, האט מען דיך געראטעוועט פון הימל, ווייל אויב וואלט דאס געווען א אנדערער, וואלט ער ח״ו פארברענט געווארן פון די קדושה פונעם מצה,

**יארצייט**
**מיטוואך כ"ו אדר**

**הרה"ק רבי אברהם משה דוד ב"ר שמואל הלוי זי"ע,**
**(קרויז), בעל נפש אד"ם, מאונגוואר,**
**"הנקרא ר' דוד פייגא'לעס",**

ער איז געבוירן אין שטאט אונגוואר אין רוסלאנד, בשנת תקפ"א.

צו זיין טאטן הרה"ק רבי שמואל סג"ל קרויז זי"ע, הנקרא בפי כל ר' שמואל חסיד, צוליב זיין געוואלדיגע חסידות ופרישות,
די טאטע רבי שמואל זי"ע איז געווען א ברודער מיט הרה"ק רבי חיים סג"ל קרויז זי"ע, המכונה "רבי חיים נאצשעוויטשער", די טאטע איז געווען א בן אחר בן פונעם של"ה הק' זי"ע, נאך די ערשטע וועלט מלחמה האט די משפחה געטוישט די נאמען פון הורוויץ צו קרויז,

אויך איז די טאטע געווען פון די גזע פון הגה"ק רבי יוסף הלוי אב"ד פוזנא זי"ע, און פון די גזע פון הגה"ק רבי שבתי שעפטיל הורוויץ בעל ווי העמודים מווינה זי"ע,

די צוויי ברידער רבי חיים און רבי שמואל פלעגן אסאך פארן צו הרה"ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע, און אויפן וועג האבן זיי זיך אפגעשטעלט אין שטעט און צוזאמען געקומען נאך אידן, און אזוי זענען זיי אנגעקומען מיט א גרויסע ציבור צום הייליגען ראפשיצער רב זי"ע,

איינמאל האט די ראפשיצער רב מרגיש געווען אז זיי קומען, האט ער געזאגט פאר זיינע נאנטע, אז צוויי חסידים פון אונגארין קומען, לאמיר זיי קעגן גיין, ווען זיי זענען אן געקומען האט דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע זיי געגעבן שלום און געזאגט אויף רבי חיים "קדוש", און אויף רבי שמואל "קודש קדשים", און געזאגט "יהיה לך בנים בעלי רוח הקודש, ויהיה לך בן שיאיר את העולם בעבודת השי"ת",

און צו זיין מאמע הצדקת מרת פייגא ע"ה, וואס צוליב דעם האט מען דעם צדיק וקדוש גערופן מיטן נאמען ר' דוד פייגא'לעס,

ער איז געווען א איש קדוש וטהור מאוד, און א צדיק יסוד עולם, ער איז געווען א גאון עצום בתורת הנגלה ותורת הנסתר, ער איז געווען א למדן עצום, דער צדיק וקדוש האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואדיגע התמדת התורה, ער איז געווען א גרויסע פועל ישועות און א בעל מופת עצום, נאך פון ווען ער איז געווען גאר יונג האט ער נישט גענעסן קיין פלייש און נישט געשלאפן אין קיין בעט און זיך גאר אסאך מסגף געווען מיט סיגופים,

אין די יונגע יארן האט ער געלערנט אין ישיבת אונגוואר בנשיאותו פון הגה"ק רבי מאיר אייזענשטאט בעל אמרי אש מאונגוואר זי"ע, און דאן אלס יונגער בחור האט מען שוין געזען זיין געוואלדיגע שקדנות בתורה, אויך זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס דער צדיק האט זיך שוין דאן געפירט האט ארויס גערופן גרויסע וואונדער,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת לאה ע"ה,
בת הרה"ח רבי טובי' עהרנפעלד זי"ע,

פארציילט מען אז ביי די חופה פון רבי אברהם משה דוד זי"ע, האט אים זיין רבי דער הייליגער אמרי אש זי"ע געבענטשט, און וויבאלד די רבי דער אמרי אש איז געווען א גרויסע בעל בכי, האט ער געלאזט טרערן אויפן היט פון דעם חתן הרה"ק רבי אברהם משה דוד זי"ע,

יארן שפעטער איז דער צדיק וקדוש רבי דוד זי"ע איינמאל געקומען צום צדיק וקדוש דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע, און געבעטן אז ער זאל אים בענטשן, האט דער בעלזא רב געזאגט די ביסט שוין געבענטשט געווארן דורך אן אדם גדול, האט רבי דוד געזאגט די רבי האט מיך נאך נישט געבענטשט, נאר פאר די חופה האט מיין רבי דער אמרי אש מיך געבענטשט, האט די בעלזא רבי געזאגט, טאקע דאס מיין איך,

נאך די חתונה איז דער גאון וקדוש געזעצן על תורה ועבודה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט זיך מסגף געווען און נישט נהנה געווען פון די וועלט, ער האט טאקע פאר א שטיק צייט מצליח געווען זיך צו באהאלטן, אבער נישט לאנג נאכדעם איז דער צדיק וקדוש נתפרסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה און יראת שמים,

ער האט פון אנפאנג נישט געוואלט נעמען קיין קוויטלעך אדער פירן רביסטווע, אבער הרה"ק רבי יחזקאל בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, האט אים מסמיך געווען צו רבנות, און זינט דאן האט ער אנגעהויבן נעמען קוויטלעך און גע'פועל'ט גרויסע ישועות פאר אידישע קינדער,

אין ספר דודאי השדה ווערט געברענגט, אז אסאך צדיקי דורו האבן אויף אים געזאגט אז ער איז איינע פון די ל"ו צדיקים פינעם דור,

ער האט זיך אסאך מסתופף געווען אלס חסיד בצלו פון הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, וואס האט אים מוראדיג מחבב געווען, און דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט איינמאל געזאגט, אז עס איז דא ל"ו צדיקים וואס די וועלט ווייסט נישט פון זיי, און אויך איז דא ל"ו צדיקים וואס די וועלט ווייסט יא ווער זיי זענען, רבי דוד איז פון די וואס מען ווייסט יא.

הרה"צ רבי בערצי מאונגוואר זי"ע האט געזאגט, אז זיין פעטער הרה"ק רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע האט געזאגט אויף רבי דוד פייגא'לעס אז ער האט געהאט גילוי אליהו.

הונדערטער אידן זענען געקומען מיט קוויטלעך צו דעם צדיק וקדוש, און מען האט געזען גרויסע מופתים ביי דעם צדיק, הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות מיט א ברכה פון דעם צדיק, אויך הרה"ק רבי יחזקאל שרגא בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע האט אים געגעבן א קוויטעל, אבער די רבי מיט זיין גרויסע ענוות האט דאס בשום אופן נישט געוואלט נעמען, ער האט זייער מקפיד געווען אז מען זאל אים נישט רופן "רבי".

דער צדיק וקדוש האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען אין צדקה וחסד אויף א מוראדיגע פארנעם, ער האט גרויסע סכומים צוזאמען געשטעלט פאר עניים און צובראכענע אידן, מען האט ביי דעם צדיק אייביג געטראפן אן אפען טיר פאר סיי וואסערע חסד וגמילות חסדים, ער האט מחזיק געווען עניים און די הונדערטער, ובפרט עניים נסתרים און צדיקים נסתרים.

ער האט איבער געלאזט זיין הייליגע ספר נפש אדם.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הרה"ק רבי שמואל הלוי קרויס אב"ד סנינא זי"ע, חתן הרה"ק רבי אביש שפירא אב"ד הומענע זי"ע.
הרה"ק רבי שמעון חיים קרויז מקליינווארדיין זי"ע, חתן הגה"ק רבי נפתלי שרייבער דומ"ץ קליינווארדיין זי"ע.
הרה"ק רבי מאיר ישראל קרויז זי"ע,
הרה"ק רבי צדוק קרויז זי"ע,
בתו, הצדקת מרת פייגא ע"ה, אשת הרה"ח רבי משה אלי' פרידמאן זי"ע,
בתו, הצדקת מרת אסתר יודית ע"ה, אשת הרה"ח רבי אברהם דוב נידערמאן זי"ע,
בתו, הצדקת מרת טויבא ע"ה, אשת הרה"ח רבי ישראל פליישמאן מקליינווארדיין זי"ע,
בתו, הצדקת מרת שרה בלומא ע"ה, אשת הרה"ח רבי ישראל הכהן זינגער זי"ע,
בתו, הצדקת מרת גאלדא ע"ה, אשת הרה"ח רבי יונתן בנימין עסטרייכער זי"ע,

בעפאר זיין הסתלקות האט ער זיך דערוועקט איין טאג און געווען מוראדיג בשמחה, ווען מען האט אים געפרעגט וואס איז די גרויסע שמחה, האט ער געזאגט, אז ער האט געזעהן בחלומו ווי ער איז בעולם העליון און מען פירט אים אריבער א היכל, און מען האט אים געזאגט אז נישט דא גייט ער זיין נאר ער גייט זיין אין איין היכל מיט הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, און דערפאר איז ער אזוי בשמחה,

נסתלק לגנזי מרומים כ"ו אדר א' בשנת תרנ"א, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט אונגוואר.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

הגה"ק רבי מנחם א"ש זי"ע דער זון פונעם גאון דער אמרי א"ש זי"ע האט דערציילט, אז ווען דער צדיק וקדוש רבי דוד פייגא'לעס זי"ע איז געווען א יונגערמאן נאך די חתונה, איז ער אמאל געקומען פרעגן א שאלה פון זיין גרויסן רבין דער אמרי א"ש, ווען רבי דוד איז אריין געקומען אין שטוב, האט זיך זיין רבי אויף געשטעלט מלוא קומתו,

ווען דער גאון רבי מאיר א"ש זי"ע האט געזען ווי זיין זון וואונדערט זיך אזוי פארוואס זיין טאטע דער גאון שטעלט זיך אויף פאר א יונגעמאן, האט דער טאטע געזאגט פארן זון בזה"ל, "מכירו הייתו לשעבר, שהוא ירא חטא ונזהר מאוד מחשש עבירה ח"ו, ועכשיו ביותר, שהוא מקדש ומטהר עצמו אפילו בדברים המיותרים", "לשעבר האב איך דעם רבי דוד געקענט און ער איז געווען א ירא חטא און מורא געהאט פון א חשש עבירה, אבער יעצט זעה איך אויף אים אז ער איז זיך מקדש ומטהר אפילו פון זאכן וואס זענען מותר",

דער צדיק וקדוש רבי דוד פייגא'לעס זי"ע פלעגט אסאך ארום גיין צוזאם נעמען געלט און פארטיילט גרויסע געלטער פאר ארימעלייט, הונדערטער ארימעלייט האבן זיך אויפגעהאלטן אויף זיינע געלטער, און בפרט פאר צדיקים נסתרים,

ער פלעגט כסדר ארום פארן צו אנדערע שטעט צו צאמקליבען געלט פאר ארימעלייט, און ער האט זייער געליטען פון פיס וויטאג, און ווען מען פלעגט אים בעטן

אז ער זאל פארן צו די מרחץ אין סאבראנ׳ץ און דארט זיין אביסל פאר רפואה, האט ער געזאגט אז ער קען נישט אוועק גיין, ווייל וואס וועט זיין מיט די אלע ענייים וואס ערנעהרין זיך פון זיין צדקה,

ווען זיין זוהן רבי מאיר ישראל האט געפרעגט דעם טאטן, און וואס איז מיט ״ונשמרתם מאוד לנפשותיכם״, האט די טאטע געזאגט, ס׳איז אמת מן התורה דארף א איד אפהיטען זיין גוף, אבער דאס איז נאר ביי א גוף על פי דרך הטבע, אבער על פי דרך הטבע וואלט איך שוין געדארפט זיין בעולם האמת,

ווייל ווען ער איז נאך געווען יונג איז ער געווען א חולה מסוכן און מען האט שוין געהאט אנגעצינדען ליכט ארום אים בשעת יציאת נשמה, האט ער געזאגט אז דאן איז באמת געווען יציאת נשמה, אבער מען האט אים צוריק געגעבן זיין נשמה און אויס גענומען בתנאי אז ער וועט זיך אפגעבן מיט אנדערע אידן.

לגבי זיין מידות צדקה ווערט געברענגט אין ספר דרכי חיים, אז איינמאל איז רבי דוד געזיצען אין די מקו׳, און עס איז דארט געווען א ארימאן אין יענער האט געבעטן פון רבי דוד אז ער זאל אים געבן זיינע בגדים, און רבי דוד האט דאס אים אהין געגעבן בחפץ לב, און דער צדיק איז געבליבן זיצן פאר אפאר שעה אין די מקו׳ ביז מען האט אים געברענגט פרישע קליידער, ווייל דאס איז געווען זיין גרויסע אהבת ישראל און זיין גדלות במידות הצדקה,

דער צדיק וקדוש פלעגט לערנען בייינאכט פון חצות ביז אינדערפרי, שטייענדיג אויף די פיס צום ליכטיגקייט פון א ליכט, דער גאון וקדוש רבי שלמה גאנצפריד בעל קיצור שולחן ערוך ראב״ד אונגוואר זי״ע וואס איז געווען א שכן פונעם גאון רבי דוד זי״ע, האט דערציילט איבער דעם גדלות בתורה פונעם גאון רבי דוד פייגא׳לעס זי״ע,

די צוויי גאונים האבן געוואוינט איינע נעבן דעם אנדערן און זייער סוכות זענען געווען נאנט איינע צום אנדערן, האט איין יאר סוכות געבלאזן א שטארקע ווינט און דאס האט פארלאשן די ליכט ביים גאון רבי דוד זי״ע אין די סוכה, דעם קומענדיגן טאג אינדערפרי האט דער גאון רבי שלמה זי״ע געזאגט פארן זון פון רבי דוד, הגה״ק רבי מאיר ישראל זי״ע,

די נאכט ווען די ליכט האבן זיך פארלאשן ביים טאטן אין די סוכה, האב איך געמיינט אז איך וועל קענען שלאפן רואיג בייינאכט, וויבאלד די ליכט אינעם סוכה פונעם טאטן האט זיך פארלאשן, וועט ער דאך נישט קענען מער לערנען, אבער דיין טאטע האט בעל פה געלערנט די גאנצע נאכט און דעם זיסן קול התורה האט מיך נישט געלאזט שלאפן, דאס איז געווען דעם התמדת התורה פון דעם גרויסן גאון רבי דוד זי״ע,

אין ספר מאמרי צדק פון ווייטצען רב זי״ע ווערט געברענגט, אז ער איז איינמאל געווען אין ביהמ״ד אין שטאט אונגוואר, איז דארט געזעצן הרה״ק רבי דוד פייגא׳לעס און עוסק געווען אין תורה מיט א געוואלדיגע התמדה, איז צוגעקומען א בחור׳ל און געפרעגט פונעם צדיק רבי דוד זי״ע, אויב ער קען אים פרעגן ״א קלייניקייט״ אין גמרא,

האט רבי דוד געזאגט פאר דעם בחור, אין די תורה איז נישט דא אזא זאך ווי א קלייניקייט, עס איז דא א גרינגע זאך און א שווערער זאך אבער אלעס איז גרויס, אזוי ווי ביי די שטערענ׳ס אויפן הימל איז נישט דא קיין גרויסע שטערן אדער א קליינע שטערן, נאר ווי ווייטער די שטערן איז אלס קלענער זעהט עס אויס פאר אונזערע אויגן, די זעלבע איז מיט דברי תורה, וויבאלד עס איז ווייט פון אונזערע השגות זעהט עס אמאל אויס קליין, אבער באמת איז יעדע ווארט פין די תורה גאר גרויס.

אין די מצווה פון צדקה וחסד איז דער צדיק וקדוש רבי דוד זי״ע געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע מסירת נפש מיט וואס ער האט דאס מקיים געווען, ער פלעגט טעגליך ארום קלעטערן פון שטאט צו שטאט צוזאמען שטעלן גרויסע סכומים פאר צדקה צוועקן, וואס ער האט דערנאך פארטיילט דאס גאנצע געלט פאר נצרכים וואס האבן זיך ממש נאר פארלאזט אויף אים,

איין טאג איז דער צדיק ארום אין שטעט נאנט צו אונגוואר פאר צדקה, עס איז דאן געגאנגען א שווערע רעגן אויף די גאס, אבער דאס האט דעם צדיק נישט אפגעהאלטן פון ארום גיין נאך געלט, ווען ער איז דורך א שטאט, האט א איד פונעם שטאט געזען דעם צדיק גיין אין דעם גאס רעגן, האט דער איד געבעטן דעם צדיק אז ער זאל אריין קומען צו אים אין שטוב,

אבער דער צדיק האט געזאגט פאר דעם איד, ״עס איז מיר זייער וויכטיג צו גיין ווייטער״, איז דער איד נאך געגאנגען דעם צדיק, האט ער געזען ווי דער צדיק איז אריין אין שטוב פון א חולה מסוכן, און האט דארט געבעטן צדקה, און דורך זיי מזכה זיין מיטן מצווה פון צדקה האט דער צדיק געברענגט א רפואה פארן חולה,

אפילו אסאך אידן זענען געקומען צו דעם צדיק פאר ברכות און ישועות און מען האט אים געגעבן אסאך געלט פאר פדיונות, האט אבער דער צדיק פון די געלט נישט געוואלט נהנה זיין, נאר ער האט דאס גאנצע געלט פארטיילט פאר ארימעלייט און נצרכים און פאר זיך האט ער גארנישט איבער געלאזט,

ווען מען האט דעם צדיק געפרעגט היתכן ער וויל נישט איבער לאזן קיין פרוטה פון די געלט אזוי ווי אנדערע צדיקים, האט דער צדיק געזאגט, מיין נאמען איז דאך ״אברהם משה דוד״, אברהם אבינו איז דאך מדת החסד, משה רבינו איז דאך מדת נצח, און דוד המלך איז דאך מדת מלכות, און די ווערטער ״ח׳סד נ׳צח מ׳לכות״ איז ראשי תיבות ״חנם״, און דערפאר פירט ער זיך אזוי ווי די אבות, און איז מתפלל פאר די אידן וואס קומען צו אים ״בחנם״,

**יארצייט**
**דאנערשטאג כ"ז אדר**

**הגה"ק רבי ישעיה ב"ר משה זי"ע, (שור),**
**בעל כליל תפארת, אב"ד יאס,**

ער איז געבוירן אין שטאט מיקיליניץ, בשנת תקל"ט,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי משה זי"ע, תלמיד מהבעש"ט הקדוש זי"ע,
נכד הרה"ק רבי משה אב"ד בוטשאטש זי"ע,
בן הגה"ק רבי מנחם מענדל אב"ד סאטינוב זי"ע,
ונכד הגה"ק רבי אלכסנדר סנדר שור בעל תבואות שור זי"ע,
ולמעלה בקודש ביז הגה"ק רבינו יוסף בכור שור מבעלי תוספות זי"ע,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת נעכא ע"ה,
בת הגה"ק רבי אריה יהודה לייבוש מגיד מישרים מקיליניץ זי"ע, מגדולי תלמידי הבעש"ט הקדוש זי"ע,
נכד הגה"ק רבי יעקב יהושע פליק בעל פני יהושע מלבוב זי"ע,
ונכד הגה"ק רבי יהושע השיל בעל מגיני שלמה זי"ע,

ער איז געווען א גאון הגאונים און א צדיק יסוד עולם עמודא דנהורא אספקלריא המאירה סיני ועוקר הרים ושר התורה, ער איז געווען א איש אלוקים קדוש מאוד, מופת הדור והדרו, ער איז געווען א גדול בתורה וחריף עצום און א בקי בכל התורה, ער האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה און מקדיש געווען יעדע מינוט פון זיין לעבן כל כולו תורה, א גרויס חלק פון זיין לערנען האט דער צדיק וקדוש געקענט ממש בעל פה,

אלס יונג קינד האט ער זוכה געווען זיך צו מסתופף זיין בצלו פון זיין גרויסן זיידן הגה"ק רבי אריה יהודה לייבוש מקיליניץ זי"ע, וואס האט נאך זוכה געווען צו זיין ביים בעש"ט הקדוש זי"ע, גאר אסאך תורה וחסידות האט ער מקבל געווען פון דעם זיידן וואס האט ממש נישט מסיח דעת געווען פונעם באשעפער און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה וקדושה,

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע, וואס רוב פון זיין תורה און עבודת השם און זיין קדושה האט ער קונה געווען ביי זיין גרויסן רבין, זיין רבי האט דעם תלמיד גאר שטארק מחבב געווען און באוואונדערט זיין גדלות בתורה און זיין גרויסע קדושה מיט וואס ער האט זיך שוין דאן געפירט, זיין רבי האט זיך אמאל אויס געדריקט אויפן תלמיד "רבי ישעיה לערנט תורה לשמה",

אויך דערציילט מען, אז ווען דער גאון וצדיק רבי ישעי' זי"ע איז נאך געווען גאר יונג נאך די חתונה, האט אים זיין גרויסע רבי ר' מרדכי מקרעמניץ זי"ע געשיקט פארהערן דעם צדיק וקדוש הרה"ק רבי אהרן מקארלין זי"ע וואס איז טאקע שפעטער געווארן אן איידעם ביי רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע,

בזיווג ראשון האט ער חתונה געהאט מיטן טאכטער פון הרה"ח הנגיד רבי זאב מטארנירידא ז"ל,

זיין שווער זייענדיג א גרויסע גביר און א עסקן במצוות, האט גאר שטארק מחשיב געווען דעם גרויסן איידעם און זיין גדלות בתורה, האט ער דעם איידעם אויס געהאלטן מיט אלע זיינע הצטרכות מיט גרויס כבוד אז עס זאל אים גארנישט פעילן, נאר כדי ער זאל קענען עוסק זיין בתורה מיט אן הרחוה, און יענע צייט האט זיך טאקע דער צדיק גאר אסאך משלים געווען בתורה,

דער צדיק האט בכלל נישט געוואלט נעמען קיין רבנות און כסדר אפ געזאגט ווען מען האט אים געבעטן אז ער זאל קומען דינען אלס רב אין גרויסע שטעט, אבער זייענדיג אפאר יאר נאך זיין חתונה, זענען געקומען די ראשי הקהלה פון שטאט הארადענקא צום צדיק הגה"ק רבי אברהם דוד בעל אשל אברהם מבוטשאטש זי"ע און האבן געבעטן אז זיי ברויכן א רב ביי זיי אין שטאט,

האט דער צדיק רבי אברהם דוד זי"ע געזאגט פאר די ראשי הקלה בזה"ל, "רבי ישעיה שור זיצט באהאלטען, און די וועלט דארף האבן זיין תורה און זיין עבודת השם", און דער צדיק האט זיי געגעבן א בריוו וואס ער האט געשריבן פארן גאון רבי ישעיה זי"ע בזה"ל, "לאשר העיר הארადענקא צריכה לרב ואב"ד ולאשר כי כשמן הטוב תורק שמו הטהור בצדקתו וחריפתו, על כן יקח נא משרת הרבנית עליו", און ווען דער צדיק רבי ישעיה זי"ע האט באקומען דעם בריוו, האט ער דאס נישט געקענט אפזאגן, און ער האט גענומען דאס רבנות אין שטאט הארადענקא,

ער האט דארט אין שטאט הארადענקא אויף געשטעלט א גרויסע ישיבה און מרביץ תורה געווען מיט א מסירת

נפש, דארט האבן געלערנט גרויסע גאונים וגדולים בתורה, און פון זיינע תלמידים זענען ארויס געקומען גרויסע גדולים בתורה און צדיקי הדור ובתוכם,

הרה״ק רבי ישראל אברהם פארטוגאל בעל שארית ישראל מסקולען זי״ע,
הגה״ק רבי יצחק אייזיק טויבש מפשקאן זי״ע,
הגה״ק רבי פנחס לאנדמאן מטרגו אוקנה זי״ע,
הגה״ק רבי יהושע זאב פאליק וולפסון מפלטיצ׳ן זי״ע,
הגה״ק רבי יהושע רבינוביץ מביבולארי זי״ע,

די טאטע פונעם גאון הגה״ק רבי משה שור זי״ע איז געווען א גאון און א למדן נפלא בתורה, גרויסע גאונים און צדיקים בדורו האבן אלע מעיד געווען אויף זיין געוואלדיגע התמדת התורה און זיין למדנות, ער האט עוסק געווען במוסחר און געווען א נהנה מיגיע כפו, אבער דער צדיק האט מקיים געווען דעם מאמר חז״ל עשה תורתך קבע ומלאכתך עראי, אפילו בשעת ער איז געווען פארנומען מיט זיין פרנסה, האט ער בשעת מעשה עוסק געווען בתורה,

דערציילט מען אז ווען דער גאון רבי ישעיה זי״ע איז דאס ערשטע מאל געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון הרה״ק רבי מנחם מענדל בעל אהבת שלום מקאסוב זי״ע, האט אים דער צדיק מקאסוב דערציילט, אז איינמאל איז זיין טאטע דער גאון רבי משה געקומען צום מארק טאג אין שטאט קאסוב, און ער האט דאן פארקויפט צירונג פאר פרויען,

דערציילט דער הייליגער צדיק מקאסוב, אז פאר אים איז געווען א גרויסע וואונדער אז א איד א גאון וקדוש ווי דער רבי משה, איז עוסק אין פארקויפן צירונג פאר פרויען, אבער ווען ער איז געגאנגען צום מארק און צוגעקוקט ווי אזוי דער רבי משה איז עוסק אין מוסחר, האט ער געזען אז דא רעדט זיך פון א גאר הייליגע איד, האט זיך דער גאון רבי ישעיה זי״ע דאן אנגערופן מיט זיין גרויס עניוות, "יפה כח הבן מכח האב", מיין גאנצע גדלות בתורה איז נאר בזכות פון מיין הייליגען טאטן זי״ע,

ליידער איז זיין זיווג ראשון נפטר געווארן יונגערהייט, האט דער גאון דאן חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת מרים ע״ה,
בת הרה״ק רבי יוסף יוסקא מוואלטשיסק זי״ע,
בן רבו מובהק הרה״ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי״ע,

ער איז שוין דאן געווען מפורסם אין גאנץ אירופה מיט זיין געוואלדיגע גדלות התורה און זיין גרויסע קדושה, ער איז געווען פון די גרעסטע גאונים בדורו און רוב גדולים און צדיקים האבן מעריך געווען דעם גאון און זיך גערעכנט מיט זיינס א פסק הלכה אדער זיין מיינונג אויף סיי וואס,

י״ג תמוז בשנת תק״פ ווען זיין רבו מובהק הרה״ק רבי מרדכי מקרעמעניץ זי״ע איז נסתלק געווארן, האט זיך דער צדיק מדבק געווען אין הרה״ק רבי אברהם יהושע העשיל בעל אוהב ישראל מאפטא זי״ע, אויך ביי דעם צדיק האט דער גאון נושא חן געווען און זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבות און חביבות,

ווערט דערציילט, אז דעם ערשטע מאל וואס ער האט זיך מסתופף געווען בצלו פונעם הייליגען אפטא רב זי״ע, איז געווען די ימי הרחמים והרצון, האט דער אפטא רב גאר שטארק מכבד געווען דעם גאון וקדוש, און ער האט אים געזעצט ממש נעבן אים און אויף דעם אנדערן זייט איז געזעצן דער זון פונעם אפטא רב הרה״ק רבי יצחק מאיר מזינקוב זי״ע, אזוי איז דער צדיק געבליבן אויף ביז נאך יום הקדוש ביים הייליגען אפטא רב זי״ע,

מוצאי יום הקדוש האט דער הייליגער אפטא רב זי״ע געפרעגט דעם גאון, ווי אזוי האט אייך געפאלן דעם סדר התפילות יום הקדוש, האט דער גאון וואס איז געווען איש האמת געענטפערט, ווען מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה און מען וועט הערן דער קול פונעם כהן גדול אין בית המקדש, דאן וועט מען קענען מבחין זיין אין די עבודה פונעם רבין, אבער אזוי פיל קען איך זאגן, אז איך האב נישט געפילט דעם הרגשה ווי ביי מיין גרויסן רבין רבי מרדכי מקרעמעניץ זי״ע, דאס איז געווען זיין גרויסע קשר מיט זיין רבין אפילו נאכן הסתלקות,

ווען דער הייליגער אפטא רב זי״ע האט געהערט די אמתע ווערטער פון דעם גאון וקדוש רבי ישעיה זי״ע, אז ער האט זיך נישט צוריק געהאלט פון זאגן דעם אמת, האט דער אפטא רב געזאגט פאר זיין זון רבי יצחק מאיר מזינקוב זי״ע, קוק אויף א איד א קדוש וטהור און א איש האמת, וואס ביי אים איז נישט דא קיין חנופה, און האט מיר געזאגט דעם אמת, ווייל דער צדיק וקדוש רבי מרדכי מקרעמניץ זי״ע איז געווען פונעם גרויסן היכל הניגון מעולם העליון,

אויך האט ער זיך אסאך מסתופף געווען בצלו פון הרה״ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע, וואס

האט זיך מיט דעם גאון גאר שטארק געפרייט, און דער הייליגער עטרת צבי זי"ע האט דעם גאון געוואלט אריין נעמען צווישן זיינע אריות מבבני חבורתו, אבער דער גאון האט געזאגט אז זיין הארץ איז אין מעזיבוז ביים הייליגען אפטא רב זי"ע וואס איז נאך דאן געווען אין שטאט מעזיבוז.

בשעת מעשה איז געווען דארט אין שטוב פונעם הייליגען צדיק מזידיטשוב זי"ע א אייניקעל יצחק לייבוש בן הרה"ק רבי משה חיים טויב מראזלא זי"ע, בן הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאלוב זי"ע, וואס דער רבי משה חיים מראזלא זי"ע איז געווען אן איידעם ביים הייליגען עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע.

האט דער עטרת צבי געפרעגט דעם גאון רבי ישעיה זי"ע, וואלט איר געוואלט זיך משדך זיין און נעמען דעם אייניקעל יצחק לייבוש אלס אן איידעם, האט דער גאון געזאגט, איך האב א טאכטער ביים מיר אין שטוב פרידא קילא און איך וואלט זיך זייער גערן משדך געווען מיטן רבין, מען האט זיך געוואונטשען מזל טוב און געשלאסן שידוך, דאס ווייזט דעם גרויסן חשובות וואס דער גאון האט ארויס געריפן ביי די צדיקים בדורו.

שפעטער האט זיך דער צדיק וקדוש אריבער געצויגען צום שטאט חוטין און אביסל שפעטער קיין סרביה, דולינא, און זבאריז, אויף יעדן פלאץ ווי דער גאון איז אנגעקומען האט מען אים גאר שטארק מכבד געווען און מחבב געווען, ער האט משפיע געווען תורה ועבודת השם פאר יעדן איד וואס איז נאר געקומען אין בארירונג מיט אים.

בשנת תרי"ד איז דער גאון געווארן רב אין שטאט יאסי אין רומניה, און מען האט אים מקבל געווען אלס רב און מנהיג אין גאנץ רומניה, דאן האט דער צדיק פארשפרייט תורה ועבודה און קדושה אין גאנץ רומניה, הונדערטער אידן זענען געקומען פון אלע שטעט זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, דארט האט דער צדיק צום ערשטן מאל אויף געשטעלט א בית המדרש און זיין חסידות, און דארט איז ער געבליבן ביז צו זיין הסתלקות.

ווערט דערציילט אז אין די צייט ווען דער גאון האט געדינט אלס רב אין שטאט יאס, האט דאן אויך געדינט אלס רב פון שטאט הגה"ק רבי שמואל שמעלקא טויבש זי"ע וואס איז אויך געווען באוויסט מיט זיין גדלות בתורה און זיין חריפות בתורה, אבער ער האט זיך אונטער געווארפן אונטער די הנהגה פון דעם גאון רבי ישעיה זי"ע.

דער גאון האט זיך גאר שטארק אפגעגעבן מיט די הלכות שחיטה ביי זיך אין שטאט, ער האט געלייגט א שטארקע דגוש און שמירה אויף די שוחטים מיט גרויסע חימרות אז אלס אין שטאט זאל זיין בתכלית הכשרות.

בשנת תרכ"ד האבן אנגעהויבן קומען צום שטאט יאס עופות פון קפריסין וואס מען האט געריפן "קיבריציני הינער", און דער גאון האט געזען אין דעם א גרויסע שאלה להלכה און דער גאון איז ארויס געקומען מיט א איסר קעגן די עופות, אלע שוחטים אין שטאט האבן גלייך מקבל געווען דעם פסק הלכה און מען האט דעם עוף נישט גע'שחט'ן און נישט געגעסן אין שטאט.

דערציילט דער תלמיד חביב הרה"ק רבי אליעזר זוסיא מסקולען זי"ע, אז עס איז אבער דארט אין שטאט געווען איין שוחט וואס האט זיך גאר שטארק מתחציף געווען קעגן דעם גאון וקדוש, און דער שוחט האט נישט צו געהערט צום פסק הלכה פונעם גאון און ער האט יא גע'שחט'ן די עופות, איין טאג ווען ער האט געגעסן איינע פון די עופות וואס ער האט גע'שחט'ן, האט זיך דער שוחט רח"ל געשטיקט אויף א ביין פונעם עוף און איז געשטארבן, פארשטייט זיך אז דאס האט געמאכט א גרויסע רעש און מען האט געזען דעם גרויסע כח הוראה פון דעם גאון.

אויך האט דער גאון דאן גאר שטארק לוחם געווען קעגן די תנועת השכלה וואס האט זיך דאן גאר שטארק פארשפרייט און זיי האבן פראבירט ליידער צו פארכאפן כלל ישראל אין זייער שקר און אראפ פירן כלל ישראל פונעם ריכטיגען וועג וואס מען האט מקבל געווען מדורות הקדמונים, זיי האבן איינגעפירט נייע מנהגים און אוועק געמאכט מנהגים וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים.

דאן האט מען געזען דאס מסירת נפש פון דעם גאון, ווען ער איז ארויס בחרב ובחנות קעגן די מתחדשים און משכילים, און ער האט זיך מיט זיי געשלאגן מיט א מסירת נפש ממש, און די כח הקדושה האט טאקע מנצח געווען, ווייל די רשעים האבן נישט געקענט זיך אריין באקומען אין די גאנצע גלילות פונעם גאון און אזוי האט דער גאון אפ געראטעוועט א גרויסע חלק פון כלל ישראל, אז זיי זאלן בלייבן ערליך על דרך ישראל סבא,

אויך האט דער גאון דאן ארויס געגעבן א איסר אויף די שטאפ גענז וואס האבן אויך געהאט א חשש פון נישט קענען שחט'ן להלכה, דער גאון האט געהאט איין איינציגע מטרה אין לעבן, און דאס איז געווען צו אפהיטן די אידן פון ח"ו נכשל ווערן מיט א חשש טריפה,

אויף די שטאפ גענז זענען אבער געווען גרויסע גדולים וגאונים בדורו וואס האבן יא נוטה געווען להיתר, ובתוכם הגה"ק רבי שלמה קלוגער זי"ע און הגה"ק רבי יוסף שאול נאטענזאהן מלבוב זי"ע, אבער לכבודו פונעם גאון וקדוש האבן זיך די גרויסע גאונים צוריק געהאלטן פון שרייבן א היתר למעשה אויף די שאלה,

עס איז ראטזאם צו זען וואס די צדיקים בדורו האבן מעיד געווען אויף דעם גדול וצדיק הדור,

הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע האט גאר שטארק מעריך געווען דעם גאון און האט אים מכבד געווען מיט גרויס כבוד, און האט זיך אויס געדריקט אויף דעם גאון בזה"ל, "ואודות אשר חירפו את ידידו מחו' הגאון החסיד מופת הדור מ' ישעיה נ"י צר לי מאוד וראוי לקרוע לשמע אוזן אך בעוונותינו הרבים יתמלאו בגדים מהקרעים כי כל היום מחרפים ומגדפים תלמידי חכמים וד' הטוב יושיענו",

הרה"ק רבי יצחק אייזיק ספרין בעל היכל הברכה מקאמארנא זי"ע וואס האט צוזאמען מיטן גאון רבי ישעיה זי"ע לוחם געווען קעגן די שאלה פון די עופות הקיבריצר וואס איז דאן געווען, און ביידע האבן אנגענומען לחומרה, שרייבט אויפן גאון וקדוש בזה"ל, "הנה ידידי השגתי מכתבו הנעים, ומרוב אהבת מר חותנו סבא קדישא ידידות נפשינו הגאון הקדוש שיחיה רבי ישעיהו אכתוב לו כמציץ מן החרכים לחכימא ברמיזה",

הגה"ק רבי יוסף שאול נאטענזאהן בעל שואל ומשיב מלבוב זי"ע האט גאר שטארק מכבד געווען דעם גאון רבי ישעיה זי"ע און האט זיך מיט אים געשריבן שאלות ותשובות, און איינע פון די תשובות שרייבט ער דארט בזה"ל, "שמחתי בשמעי משלומו הטוב כן ירבה וכן יפרוץ, ומשלום ידידינו הרב הגאון הישיש הצדיק מ' ישעי' שור", און אן אנדערע מכתב שרייבט דער גאון רבי יוסף שאול זי"ע בזה"ל, "ועל השאר תמכתי יסידותי על הרב הגאון המפורסים מוהר"ר ישעי' שור נ"י אבד"ק יאס והגליל, חזון ישעיה אשר חזה בו דברים נעימים ומתוקים, כאשר העד העיד בנו כי ראוי הוא לאדפוסי אדרא",

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים נפלאים,

ספר כליל תפארת, על התורה,
ספר חזון ישעיהו, על התורה,
חידושי רבינו ישעיה שור, חידושיו ושו"ת,
ספר מגלות למועדי השם, חידושים ברך פרד"ס,
ספר כנפי נשרים, על כשרות התרנגולים,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

בנו יחידו הגה"ק רבי דוד מרדכי זי"ע, חתן הגה"ק רבי יוסף לאנדא אב"ד ליטען ויאסי זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת פרידא קילא ע"ה, אשת הרה"ק רבי יצחק לייבוש טויב זי"ע, בן הרה"ק רבי משה חיים מראזלא זי"ע, בן הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאלוב זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת דבורה ע"ה, אשת הרה"ק רבי ברוך זי"ע, בן הרה"ק רבי יוסף יוסקא מוואלטשיסק זי"ע, בן הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע,

אפילו סוף ימיו זייענדיג אויף די עלטערע יארן און זייענדיג גאר שוואך, האט אבער דער צדיק נישט אויף געהערט עוסק זיין בתורה יומם ולילה ממש מיט א געוואלדיגע התמדה און מיט א מוראדיגע קדושה וטהרה, ער האט אפילו דאן ליגענדיג אין בעט זיך מוסר נפש געווען אויף יעדע הלכה פונעם שולחן ערוך מיט א געוואלדיגע זהירות,

דערציילט מען אז ממש בעפאר זיין פטירה האט זיך דער צדיק וקדוש מיט זיינע לעצטע כוחות אויף געהויבן און געזאגט "ברוך הבא רבי" און ער האט געזאגט, אז זיין גרויסע רבי הרה"ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע איז אים געקומען מקבל פנים זיין, והחזיר נשמתו הטהורה ליוצרה,

נסתלק לגנזי מרומים זקן ושבע ימים זייעדיג 100 יאר אלט, ערב שבת קודש כ"ז אדר בשנת תרל"ט, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט יאסי,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**דאנערשטאג כ״ז אדר**

**הגה״ק רבי יוסף שאול ב״ר אריה לייבוש הלוי זי״ע, (נאטאנזאהן), בעל שואל ומשיב, מלבוב, ולעמבערג,**

ער איז געבוירן אין שטאט בערזאן, בשנת תקס״ח,

צו זיין טאטן הגה״ק רבי אריה לייבוש בעל בית קל זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת חנה ע״ה,
בת הגה״ק רבי דב בער הלפרין אב״ד ברעזאן זי״ע,
חתן הגה״ק רבי מרדכי זאב אורנשטיין מלעמבערג זי״ע,

ער איז געווען א גאון הגאונים און א חריף עצום בתורה, ער איז געווען דער שר התורה וגדול הדור, ער איז געווען א למדן נפלא און געווען מפורסם מיט א זכרון נפלא און א בעל מחדש נפלא, ער איז געווען א איש קדוש מאוד, א קדוש מרחם און א בעל מופת נפלא, א מדקדק במצוות אויף א מוראדיגע פארנעם, דער גאון האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדת התורה, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים מיט א מסירת נפש, גרויסע גאונים און גדולים בתורה זענען ארויס געקומען פון זיינע תלמידים,

ביי די 12 יאר אלט איז ער שוין געווען א גאון אין תורה כמעין המתגבר, און פארשריבן חידושים, און געהאט א זכרון נפלא,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת שפרה בונא ע״ה,
בת הגה״ק רבי יצחק אהרן הלוי איטינגא מלבוב זי״ע,

ער איז שוין דאן נאך די חתונה געווען מפורסם אלס א חריף עצום און א בקי נפלא בכל מקצועות התורה, דארט ביים שווער אין שטוב איז ער געווארן גאר א נאנטע חבר מיט זיין שוואגער הגה״ק רבי מרדכי זאב איטינגא זי״ע, און די צוויי האבן געלערנט בחברותא צוזאמען יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, זיי האבן צוזאמען מחבר געווען דעם ספר מפרשי הים.

אויך האבן די צוויי גאונים וגדולים בתורה זיך געשריבן גאר טיפע שו״ת מיט די 4 גאוני עולם בדורם,

הגה״ק רבי עקיבא איגר אב״ד פאזנא זי״ע,
הגה״ק רבי משה סופר בעל חתם סופר זי״ע,
הגה״ק רבי מרדכי בנעט מניקלשבורג זי״ע,
הגה״ק רבי הירש חריף אב״ד באניהאד זי״ע,

און די שו״ת זענען שפעטער געדריקט געווארן אין די ספרים, ספר מגן גבורים על שו״ת או״ח, מאירת עינים על הלכות טריפות הריאה, יד יוסף ויד שאול על שו״ע יו״ד,

און דאס איז געווען חוץ פון די ספרים וואס דער גאון דער הייליגער שואל ומשיב זי״ע אליין האט מחבר געווען ובתוכם, ספר שואל ומשיב, נר מערבי, שי למורה, בית שאול, ידות נדרים, אמרות טהורות.

חודש שבט בשנת תרי״ז ווען זיין פעטער הגה״ק רבי יעקב משולם אורנשטיין בעל ישועות יעקב זי״ע, איז נסתלק געווארן, האט מען אים אויף גענומען אלס אב״ד לבוב אויפן פלאץ פונעם פעטער, ער האט נישט גענומען קיין געהאלט פונעם קופת הקהל ווייל ער איז געווען א גביר אדיר עס איז געווען תורה וגדולה במקום אחד, ער האט דארט אין שטאט אסאך אויפגעטון, ער האט זייער געבעטן מיט זיין גרויס עניוות פין די שטאט מענטשן, אז מען זאל אים נישט רופען מיטן תואר ״רבי״.

מען פארציילט אז ער מיטן שוואגער זענען געווען גרויסע גבירים און זיי האבן געלערנט יומם ולילה און נישט געקענט זיין פארנימען מיט מוסחר, האבן זיי געגעבן דאס געלט פאר א אנדערן גביר אז יענער זאל גיין משקיע זיין דאס געלט, און דער גביר האט פארלוירען א גרויסע סכום פון די געלט,

האט הרה״ק השר שלום מבעלזא זי״ע, געשיקט זיין זוהן הרה״ק רבי יהושע זי״ע, אז ער זאל גיין טרייסטן דעם גאון רבי יוסף שאול אויף די געלט וואס ער האט פארלוירען, ווען רבי יהושע איז געקומען האט ער געפרעגט דעם גרויסן גאון רבי יוסף שאול זי״ע, אויב ער האט ביטל תורה דורך דעם וואס ער האט פארלוירען די געלט, האט ער געענטפערט, זיכער ווייל עס איז שוין אריבער אפאר וואכן פונעם זמן און ער האט נאר געלערנט 800 דפים גמרא,

און דער צדיק הרה״ק רבי יהושע מבעלזא זי״ע האט זיין גאנץ לעבן אסאך דערמאנט פאר זיינע תלמידים די מעשה און געזאגט, קוקט וואסערע התמדת התורה דער שואל ומשיב האט געהאט, אז 800 דפים גמרא האט געהייסן ביי אים ביטל תורה.

ער האט אויך געשטעלט א קופת העיר פון ווי ער האט אסאך ארימעלייט אויס געהאלטן און אסאך עוסק געווען בצרכי ציבור, און אפילו פאר די שטעט ארום האט ער אויך ארויס געהאלפן, ער האט דארט אין שטאט ביי זיך אויף געמאכט א קאך פאר די ארימעלייט

און ער פלעגט אסאך קומען אליין עסן דארט כדי די ארימעלייט זאלן זיך שפירן באקוועם צו עסן דארט.

עס איז ארויס געקומען פון זיינע תלמידים אסאך גאונים ידועים ומפורסמים, טויזענטער גדולי הדור האבן צו אים געשיקט גאר שווערע שאלות און זיך גערעכנט מיט זיינע פסקים.

כאטש ער איז געווען א מתנגד צום דרך החסידות, מיט דעם אלעם האט ער מורא'דיג מחבב געווען די צדיקי הדור, ער האט געגעבן הסכמות אויף בערך 10 חסידישע ספרים, און אויך איז ער געווען א קרוב מיט הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע וואסביידע זענען געווען אייניקלעך פונעם חכם צבי זי"ע, אויך איז ער געווען בידידות מיט הגה"ק בעל החידושי הרי"ם מגור זי"ע, און אויך מיט הרה"ק רבי מאיר בעל אמרי נועם מדז'יקוב זי"ע.

הגה"ק רבי יוסף שאול זי"ע איז געווען פון די ראש המתירים פון מאשין מצות, און דארט האט ער זיך געטיילט מיט זיין שוואגער הגה"ק רבי מרדכי זאב זי"ע, וואס איז געווען פון די ראש האוסרים צוזאמען מיט הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע און הרה"ק רבי שלמה קלוגער זי"ע וואס האבן מורא'דיג לוחם געווען אויף מאשין מצות.

ער האט ליידער נישט איבער געלאזט קיין זש"ק.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ז אדר א' בשנת תרל"ה, ומנוחתו כבוד איז געווען אונעם זעלבן ביה"ח ווי די טו"ז זי"ע, אבער עס איז ליידער נישט געבליבן קיין זכר פונעם ביה"ח.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

אמאל ביים סדר נאכט ביים גאון וקדוש רבי יוסף שאול בעל שואל ומשיב זי"ע איידער'ן אפרעכטן דעם סדר, איז אריין געקומען א איד צום שואל ומשיב מיט א שאלה, אז ער האט געפינען א ווייצל אין א געקעכטס, האט אים דער גאון געזאגט, אז עס איז פארהאן א שיטה לויט דעם בעל השאילתות דרב אחאי גאון זי"ע, אז חמץ קען אויך בטל ווערן בשישים אזוי ווי אנדערע איסורי תערובות, און לויט דעם איז דער תבשיל כשר, און דער איד איז צופרידן ארויס פונעם רב'ס שטוב.

שפעטער האט זיך דער רב איבער געקלערט, היות אין שו"ע ווערט דאך נישט אנגענומען אזוי ווי דער שאילתות, נאר עס ווערט געפסקנ'ט אז חמץ איז אסור אפי' במשהו, קומט דאך אויס אז ער האט נישט גוט גע'פסק'נט, און דער גאון דער הייליגער שואל ומשיב זי"ע האט געהאט פון דעם גרויס עגמת נפש.

אבער וויבאלד ער האט נישט געקענט דעם פרעגער, האט ער דאך נישט געוואוסט וואו אים צו טרעפן כדי אים אויפמערקזאם מאכן אז די פסק איז געווען בטעות, פון גרויס צער האט ער נישט געקענט זיך נעמען אפרעכטן דעם סדר, נאר איז געזעצן פארטראכט ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן, און האט דערביי איין געדרימלט.

און אט חלומ'ט זיך דער גאון דער הייליגער שואל ומשיב זי"ע, אז דער בעל השאילתות זי"ע באווייזט זיך צו אים, און זאגט אים אזוי, "יישר כח אז איר האט געפסקנ'ט אזוי ווי מיין פסק, ווייל וויסן זאלט איר, אין הימל איז דא א כלל, יעדע הלכה וואס עס איז אריבער 500 יאר און קיינער האט נישט געפסק'נט אזוי, ווערט די הלכה בטל, און דא האט מען שוין אין הימל מסכים געווען אוועקצולייגן מיין הלכה, וויבאלד מען האט שוין באלד פינף הונדערט יאר נישט געפסקנ'ט ווי מיר, און דאס האט מיר שטארק מצער געווען, איצט אז מען האט פון הימל צו געברענגט, אז איר האט אזוי גע'פסקנ'ט, וועט די הלכה נישט בטל ווערן".

דאן האט דער גאון רבי יוסף שאול זי"ע זיך מער נישט מצער געווען, ווייל ער האט פארשטאנען, אז מן השמים האט מען די גאנצע שאלה אויפן ווייצל צו געפירט נאר לכבודו פונעם הייליגען גאון דער בעל השאילתות זי"ע.

איינמאל איז א איד געקומען צום הייליגען שואל ומשיב זי"ע און מזכיר געווען זיין ווייב וואס איז געווען א מקשה לילד און געווען אין א גרויסע סכנה, האט דער שואל ומשיב געזאגט, "איך בין דאך נישט קיין רבי", אבער דער איד האט אים נישט אפ געלאזט, האט דער גאון געגעבן פארן איד זיין פאטשיילע וואס האט געהאט איינגעזאפט אין זיך די שווייס פונעם שואל ומשיב וואס ער האט געניצט בשעת'ן לערנען, און געהייסן לייגען אויפן פרוי און גלייך איז דער איד געהאלפן געווארן און די פרוי איז ארויס פון די סכנה.

דער גאון וקדוש רבי יוסף שאול בעל שואל ומשיב זי"ע, האט אמאל געשריבען א בריוו פאר הרה"ק רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע, און דארט האט ער געשריבן, אז אין די צייטן פונעם בית המקדש איז די גמרא געווען געננוג, ווייל

די אידן האבן געהאט דאן א ריין הארץ, אבער היינט ברויך מען אויך צו קומען צו די צדיקים וואס זאלן אונז ברענגען נענטער צום רבוש"ע.

איז געווען א איד וואס האט ארויסגעגעבן א ספר קעגן דעם גאון רבי יוסף שאול זי"ע און אויף זיין שוואגער רבי מרדכי זאב איטינגער זי"ע, האט דער הייליגער חתם סופר זי"ע געשריבען א בריוו מיט מוראדיגע ווערטער פאר דעם איד בזה"ל, "זלגו עיני דמעות ווען ער האט געזעהן דעם ספר, אוי לעיניים שכך רואות, ווי קומט מען צו שרייבען אזאנע ווערטער אויף צדיקי הדור".

און דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט געזאגט, ווי אזוי קען מען האפן אויף די גאולה ווען מען שרייבט אזאנע ווערטער, עס איז א חידוש אז קיינער פון די גרויסע תלמידי חכמים האבן נישט מוחה געווען אויף דעם, און געהייסן מען זאל פארברענען די אלע ספרים, ווייל עס איז א סכנה אז אזעלעכע ספרים זאלן זיין אויף די וועלט.

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, האט מקפיד געווען צו רופען די שטעט ביים נאמען פונעם גדול וואס האט דארט געוואוינט, און נישט צו רופען קיין שטאט ביים נאמען פונעם שטאט, ווייל די שמות פון אלע שטעט זענען על שם פון עבודה זרה, אויסער יערעסלוב האט ער יא געזאגט ווייל דאס מיינט יראת הלב, און די שטאט לעמבערג האט ער גערופען רבי יוסף שאול'ס שטאט על שם פונעם גרויסן גדול פונעם שטאט.

הרה"ק רבי אליעזר זוסיא מסקולען זי"ע, פארציילט בשם זיין טאטן הרה"ק רבי ישראל אברהם זי"ע א מעשה, אז איינמאל איז א גדול בישראל געקומען צום גאון וקדוש רבי יוסף שאול זי"ע, און געזאגט אז ער וויל פארן קיין ארץ ישראל, האט אים רבי יוסף שאול געפרעגט פון ווי ער שטאמט, האט דער איד געזאגט פון די גזע פון הרה"ק רבי מרדכי קרעמניצער זי"ע.

האט אים רבי יוסף שאול געזאגט, דער צדיק רבי מרדכי קרעמניצער זי"ע האט מיך מנקר געווען, און ער האט מיר ארויס גענומען אלע אדערן פין התנגדות קעגן חסידות, און פארציילט פאר דעם גדול, אז גאנץ אנפאנג איז ער געווען א מתנגד און ער האט פראבירט מבטל זיין דאס פארן צו די רבי'ס, ווייל ער האט געהאלטן אז דאס איז ביטל התורה, האט ער געמאכט גאר אסאך שיעורים אין זיין שטאט, און געהאפט אז דאס וועט צוריק האלטען דאס פארן צו די רבי'ס,

איינמאל איז הרה"ק רבי מרדכי קרעמניצער זי"ע, געקומען אויף שבת, און דער גאון רבי יוסף שאול זי"ע האט געמיינט אז דער רבי וועט זיכער נישט האבן קיין מנין, אבער ווען דער שבת איז אנגעקומען איז געווען פונקט פארקערט, דער רבי יוסף שאול איז ממש געבליבען אן קיין מנין, ווייל יעדער איז געלאפן צום צדיק רבי מרדכי'לע,

ווען דער גאון רבי יוסף שאול האט געזען אז האט נישט קיין ברירה ווייל ער האט דאך נישט קיין מנין, איז ער געגאנגען צו רבי מרדכי, און ווען ער איז אנגעקומען האט די רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע געהאלטן אינמיטען דאווענען, האט ער געהערט א הערליכע קול וואס קומט פונעם רבין,

האט ער געטראכט ביי זיך, אז זיכער האט דער רבי עפעס א כלי זמר און דאס איז די הערליכע קול, איז ער צו געגאנגען צום רבין און אויף געהויבן דעם טלית, און דער צדיק רבי מרדכי'לע האט דאן געהאלטן אינמיטן נשמת ביי די ווערטער פון "כל עצמותי תאמרנה מי כמוך", און דער גאון רבי יוסף שאול איז ממש צוזאמגעפאלן פון גרויס פחד פון זעהן דעם רבינ'ס צורה ביים דאווענען, און ער האט שוין בכלל נישט געקענט עסן דעם שבת סעודה,

איז ער צוריק געקומען צו רבי מרדכי'לע ביי שלש סעודות, און געטראכט, עס איז דאך טינקל וועט קיינער נישט וויסן אז ער איז דארט, איז ער אריין געקומען און עס איז געווען טינקל, האט דער צדיק רבי מרדכי'לע געהאלטן אינמיטען זאגן תורה, אבער דער צדיק רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע האט גלייך אויף געהערט די תורה, און אנגעהויבן זאגן תורה אויף די ווערטער, "יוֹרְדֵי הַיָּם בָּאֳנִיּוֹת עֹשֵׂי מְלָאכָה בְּמַיִם רַבִּים",

האט דער צדיק מקרעמניץ געזאגט, יוֹרְדֵי הַיָּם בָּאֳנִיּוֹת אז די וואס גייען אריין אונעם ים התלמיד מיטן "אני" צוזאמען, מען האלט פון זיך גדולות ונצורות, הֵמָּה רָאוּ מַעֲשֵׂי ד' און זיי ווערן נתפעל פון די מעשה התורה, וַיֹּאמֶר וַיַּעֲמֵד רוּחַ סְעָרָה וַתְּרוֹמֵם גַּלָּיו, און זיי ווערן אינגאנצן בגדלות, מיינען זיי יַעֲלוּ שָׁמַיִם, אז זיי גייען ארויף גאר הויעך, אבער ליידער יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת זיי קומען נישט אן צו ריכטיגע פלאץ, נאר א איד ברויך לערנען מיטן ריכטיגע ביטל און יראת שמים, ווייל דאס איז די ריכטיגע וועג צו לערנען תורה,

נאך די תורה האט רבי יוסף שאול געזאגט, די תורה איז געווען ספעציעל פאר מיר, און די תורה פונעם רבין און די צורה וואס איך האב געזעהן דעם שבת האט מיך געברענגט נענטער צו חסידות און פון דאן אן האט ער זיך שוין אנגענומען פאר די חסידישע רבי'ס.

דער הייליגער מנחת חינוך זי"ע, און הגה"ק רבי יוסף שאול זי"ע, האבן אסאך גערעדט אין דברי תורה, ווען זיי זענען אנגעקומען צו די מצוה פון עסן ערב יו"כ, האט זיך דער גאון רבי יוסף שאול אנגערופען, אז ער ווייסט נישט ווי אזוי א איד קען עסן ערב יום הקדוש און נישט אנפילען א טעלער מיט טרערען בשעת'ן סעודה,

דער מנחת חינוך האט געוואלט זעהן אויב דער רבי יוסף שאול איז א נאה דורש ונאה מקיים, האט ער נאכגעקוקט דעם גאון וקדוש רבי יוסף שאול, האט ער געזעהן, ווי ערב יום הקדוש ביי סעודת המפסקת איז ער געזעצן און פארגאסן טייכען טרערען.

עס איז געווען א גרויסע תלמיד חכם וואס פלעגט זיך אסאך שרייבען שאלות און דברי תורה מיטן גאון רבי יוסף שאול בעל שואל ומשיב זי"ע, איינמאל האט דער ת"ח געשריבען עפעס און ער האט נישט צוריק באקומען א ענטפער, און נאך אפאר מאל שרייבען און נישט באקומען קיין ענטפער, האט ער געשריבען א בריוו צום גאון און געשריבען, אז וויבאלד ער האט אזויפיל מאל געשריבען און דער גאון ענטפערט נישט איז דאס גזל בידו,

אפאר טאג שפעטער האט דער ת"ח פארגעסן אלעם וואס ער האט געלערנט עד כדי כך אז ער איז געווארן אן עם הארץ ממש, ער האט גלייך פארשטאנען אז דאס איז געשען וועגן דעם וואס ער האט פוגע געווען אינעם כבוד פונעם גאון רבי יוסף שאול, איז ער אריבער געפארן צום גאון, און געפאלן צו די פיס פארן גאון רבי יוסף שאול זי"ע, און געבעטען מיט טרערן אז ער זאל אים מוחל זיין, פארשטייט זיך אז דער גאון האט גלייך געזאגט אז ער איז אים מוחל במחילה גמורה, און טאקע דער ת"ח האט צוריק באקומען זיין תורה וואס ער האט געקענט בעפאר דעם.

איינמאל האט דער גאון דער הייליגער שואל ומשיב זי"ע דערציילט די מעשה פאר הרה"ק רבי אברהם זרח אריה יהודה לייבוש בעל אמרי יהודה מבערזאן זי"ע, אז אמאל האט זיך דער בעש"ט הקדוש זי"ע זייער צוקרעכטצט, האבן די תלמידים פונעם בעש"ט געפרעגט פון זייער רבין פארוואס ער קרעכטצט אזוי,

האט דער בעש"ט הקדוש זי"ע וואס האט מיט זיינע הייליגע אויגן געזעהן אלעם מסוף העולם עד סופו דערציילט די סיבה פונעם קרעכצ'ן, ווייל יארן צוריק האט געלעבט א איד וואס האט זיך ליידער נישט אויף געפירט ערליך, דערפאר נאכן זיין פטירה האט זיין נשמה נישט געהאט קיין מנוחה אויף יענע וועלט, און עס איז ארויס א פסק אז די נשמה זאל מגולגל ווערן אין א פראש וואס וועט זיך דרייען אין א ברין וואסער און א גאר ווייטע לאנד, און אויב וועט די קינד פון דעם איד קומען און מאכן א ערליכע ברכה וועט די נשמה פונעם טאטן האבן א תיקן,

אבער די פראבלעם איז געווען, אז דער קינד פון דעם איד איז געווען א גרויסער ארימאן און ער האט נישט געהאט דאס געלט צו פארן צו אזא ווייטע מדינה, האט דער מסבב כל הסיבות צו געפירט, אז דער קינד איז געווארן א משרת ביי א גרויסע עושר, און יעצט האט דער באשעפער געפירט אז דער עושר זאל צוזאמען מיטן משרת וואס איז דער קינד פון דעם איד, צו יענעם פלאץ פונעם ברין,

ווען זיי זענען אנגעקומען דארט האט פאר דעם משרת אנגעכאפט א שרעקליכע דארשט און ער האט געזיכט וואסער צו טרינקען, ער האט טאקע געטראפן דעם קוואל ווי די נשמה פונעם טאטן איז געווען אינעם פראש, אבער ליידער האט דער קינד צוליב זיין גרויסע דארשט פארגעסן צו מאכן א ברכה, און צוליב דעם האט די נשמה פונעם טאטן נישט באקומען דעם תיקן אויף וואס ער ווארט שוין אזוי פיל יארן, און דאס איז געווען די סיבה פארוואס דער בעש"ט הקדוש זי"ע האט א קרעכטצ'ן געגעבן,

דאן האט דער הייליגער גאון רבי יוסף שאול בעל שואל ומשיב זי"ע אויס געפירט, דערפאר האב איך מיר איינגעפירט א מנהג, אז יעדעס מאל איך קום אן צו א קוואל פון וואסער און סיי וואסערע שטאט אדער ווען איך גיי לויטן באפעל פון מיין דאקטאר צו א מרחץ, טרינק איך פון יעדן קוואל אביסל וואסער און איך מאך א ערליכע ברכה, ווייל אויב איז דארט מגולגל א נשמה פון א איד זאל די נשמה האבן א תיקן דורך מיין ברכה,

מען פארציילט אז דער גאון וקדוש דער הייליגער מהרש"ם מבערזאן זי"ע, וואס האט זיין גאנצ'ן לעבן נישט געוואלט זיך משתמש זיין בכתרו של תורה און נישט געוואלט נעמען קיין רבנות שטעלע, אבער ווען ער האט נישט געהאט קיין ברירה און ער האט געמיזט זיך ברעכן און נעמען א רבנות שטעלע כדי צו האבן פרנסה, האט דער גאון כסדר געזאגט,

אז ער איז מקנה דעם גאון הגה"ק רבי יוסף שאול נאטענזאהן בעל שואל ומשיב מלבוב זי"ע, אז ער איז א עושר, וואס ווי עס איז מפורסם איז דער שווער פונעם גאון דער שואל ומשיב געווען א גביר אדיר, און אויך האט דער שואל ומשיב געהאט שיין פרנסה, און דערפאר האט ער נישט גענומען קיין געלט פארן זיין רב אין זיין שטאט, האט ער געקענט מקיים זיין די דברי חז"ל "מה אני בחנם, אף אתה בחנם", און אזוי האט ער געקענט מרביץ תורה זיין לשמה,

**יארצייט**
**פרייטאג כ״ח אדר**

**הגה״ק רבי מרדכי ב״ר אברהם מנחם מענדל זי״ע, (רויזענבלאט), בעל הדרת מרדכי, מסלונים, ״הנקרא ר׳ מרדכי ווייצעל, אדער רבי מרדכי׳לע אומשמינער״,**

ער איז געבוירן אין שטאט אנטיפאליע קוברין, ג׳ אייר בשנת תקצ״ז,

צו זיין טאטן מוה״ר הנגיד רבי אברהם מנחם מענדל ז״ל וואס איז געווען א סוחר נכבד אין שטאט וואס האט פארקויפט וויין, און מען פארציילט אז דערפאר האט ער זיך א נאמען גענעבן ״ווייצעל״.

ער איז געווען א גאון עולם ושר התורה אמיתי, און א ירא שמים גדול מאוד, מרן ומאורן של ישראל, אויך איז ער געווען א בעל דרשן נפלא, ער איז געווען א איש קדוש מאוד, און א בעל מופת נפלא און א גרויסע פועל ישועות, ער איז געווען פאר זיך א מסתפק במעוט, אבער פאר אנדערע אידן ווי ארימעלייט און סתם צובראכענע אידן, האט דער צדיק געגעבן מט א ברייט האנט, ער האט זיין מעשה צדקה וחסד געטון באהאלטען און געמאכט זיכער אז קיינער זאל פון דעם נישט וויסן,

נאך זייענדיג גאר יונג איז ער שוין געווען באוויסט מיט זיינע געוואלדיגע כשרונות הנפלאים בתורה ועבודה, אויך איז ער געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע פארשטאנד און זיין זכרון, ער האט געדענקט יעדע זאך וואס ער האט געלערנט, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע קדושה און צניעות און זיין געוואלדיגע ענווה, און צדיקים האבן געזאגט אז ער איז געווען א קדוש מבטן אמו.

די זקנים פונעם שטאט אנטיפאליע האבן פארציילט, אז זיין זריזות און תשוקה פאר תורה און עבודה און זיין התמדות התורה איז געווען העכער ווי א מענטש קען משיג זיין, ער פלעגט עוסק זיין בתורה יומם ולילה, און ביינאכט ווען ער האט געשפירט אז ער האלט ביים איינשלאפן, האט ער די פיס אריין געלייגט אין וואסער אז עס זאל אים אויפהאלטן, מען פלעגט פארציילען אז מען האט ביי אים נישט געזעהן קיין חילוק ביים לערנען אויב עס איז טאג אדער נאכט אזוי געוואלדיג איז געווען זיין התמדת התורה,

אפילו אין די עלטערע יארן האט ער אויך געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, ער פלעגט זיצן ביי זיך אין ספרים שטוב און לערנען יומם ולילה, ער האט שוין דאן געקענט רוב פון זיינע לימודים בעל פה, אויך האט ער דאן מחבר געווען זיינע הייליגע חיבורים,

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הגה״ק רבי יצחק הירש אב״ד סעמיאטיץ זי״ע, און ביי די 14 יאר האט ער באקומען סמיכה פון זיין רבין,

ביי די 14 יאר האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת חיה ע״ה,
בת הנגיד מוה״ר רבי שמעון וועלוויל מאנטיפאליע ז״ל,

ביי די 19 יאר איז ער געגאנגען צום שטאט פינסק און דארט האט ער געלערנט תורת הנגלה והנסתר ביי הגה״ק רבי מרדכי זאקהיים אב״ד פינסק זי״ע, אויך איז ער דארט געווען פון די מקורבים פון הגה״ק רבי שמואל אביגדור בעל תנא תוספאה מקארלין זי״ע, און ווי עס איז באקאנט האט ער גענדיגט גאנץ ש״ס יעדן חודש,

אין יעדע שטאט ווי ער איז אנגעקומען האט ער אריין געברענגט אהבת התורה, און פארשפרייט תורה פאר ווער עס האט געוואלט לערנען, זיינע דרשות זענען געווען מיט א געוואלדיגע התרגשות און מתיקות, און ער האט מיט זיינע פערל ווערטער צו געצויגען די הארץ פון הונדערטער אידן צום גרויסן באשעפער,

בשנת תרכ״ו איז ער געווארן רב אין שטאט בוטען, ליידער דארט איז זיין ווייב נפטר געווארן,

דאן האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט הרבנית הצדקת מרת מלכה ע״ה,
בת הגביר מוה״ר רבי אברהם גרינבערג ז״ל,

אפילו זייענדיג אן אידעם ביים שווער וואס האט געהאט גאר אסאך געלט, האט ער דארט געלעבט די זעלבע ווי ביז יעצט און געווען א מסתפק במועט, אבער ער האט פארטיילט אסאך צדקה פאר ארימעלייט און אויס געהאלטן תלמידי חכמים אז זיי זאלן קענען לערנען מיט הרחווה.

שפעטער האט זיך דער צדיק צוריק געצויגען צום שטאט בוטען ווי ער איז דאן געווען רב, די שטאט בוטען איז געווען א קליין ארים שטעטל, דארט האט דער גאון

וצדיק רבי מרדכי זי״ע אויף געשטעלט זיין ישיבה וואס פון דארט זענען ארויס געקומען גאר גרויסע תלמידים חשובים,

אבער וויבאלד די קהילה האט נישט געהאט צו באצאלן קיין געלט, האט מען אים געגעבן א געשעפט פון ווי ער זאל קענען מאכן פרנסה, די רעבעצין האט געפירט דאס געשעפט און דער גאון וצדיק האט מיטן געשעפט נישט געהאט גארנישט,

איז געווען איין טאג וואס די רעבעצין האט געגעבן אינמיטן די וואך פלייש פארן רבין צו עסן, און די רבי האט געפרעגט דעם רעבעצין פון ווי זי האט געהאט די געלט צו קענען קויפן די פלייש, האט די רעבעצין געזאגט, אז זי האט געזאגט פאר די בני הקהלה אז די געשעפט ברענגט נישט אריין גענוג צו קענען זיך מפרנס זיין, האבן זיי ארויפגעריקט די פרייזן פונעם געשעפט און דאס איז די הרחווה וואס זיי האבן.

יענעם שבת קודש איז די רבי ארויף אויף די בימה בעפאר קריאת התורה און אויסגערופען, אז היות אז מען האט ארויפגעריקט די פרייז כדי אז ער זאל מאכן מער געלט, וויל ער לאזן וויסן אז די פרייז וועט צוריק אראפ גיין און די אלע וואס האבן באצאלט די העכערע פרייז וועלן צוריק באקומען דאס געלט, דאס איז געווען זיין מידות האמת און זיין ערליכקייט לגבי יענעמ׳ס געלט.

בשנת תרמ״ז איז ער געווארן אב״ד קארעליץ אויפן פלאץ פון הגה״ק רבי אליהו ברוך קאמי מלוועקשנע זי״ע, און בשנת תרנ״א איז ער געווארן אב״ד אשמינא, און בשנת תרס״ה האט מען אים אויף גענומען אלס אב״ד סלאנים און מיט דעם נאמען רבי מרדכי מסלונים איז ער געבליבן ביז צו זיין הסתלקות.

לעת זקנתו האט ער אסאך געליטען יסורים גדולים, אבער מיט דעם אלעם האט ער ווייטער עוסק געווען בתורה ועבודה מיטן זעלבן סדר ווי ביז דאן מיט א געוואלדיגע התמדה,

זיינע דברי תורה און חידושים זענען געדריקט געווארן אין זיין ספר הדרת מרדכי,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הגה״ק רבי אשר אב״ד דערהיטשין זי״ע,
ובנו עסקן ציבורי סוחר נכבד בסלאנים הגה״ק ר׳ שמואל יהושע ווייצען בעל אבל עם זי״ע,

ביים הספד האט זיין זוהן הגה״ק רבי שמואל יהושע געזאגט, אז די טאטע האט געקענט מיט זיין געוואלדיגע התמדה בתורה פאסטן צוויי ביז דריי טאג אין איין צו, פשוט ווייל ער האט פארגעסן צו עסן פון זיין אזוי אריין געטון אין תורה, און מוצאי יו״כ נאך די גאנצע שווערע עבודה פונעם יו״ט דאווענען האט ער געקענט טועם זיין א טעימה קלה און געלערנט ביז צופרי ברציפות.

נסתלק לגנזי מרומים ביום א׳ פרשת ויקרא כ״ח אדר א׳ בשנת תרע״ו, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט סלונים בלארוס.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**שבת קודש כ"ט אדר**

**הרה"ק רבי שלמה ב"ר דוב צבי הכהן זי"ע,**
**(ראבינאוויטש), בעל תפארת שלמה, מראדאמסק,**

ער איז געבוירן אין שטאט וולאשצווי, בשנת תק"ס,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי דוב צבי הכהן ראבינאוויטש מוולאשצווי זי"ע,
בן הגה"ק רבי אריה לייבוש הכהן אב"ד שדה חדש זי"ע,
בן הגה"ק רבי אלעזר הכהן אב"ד וואדיסלוב זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת פרומט ע"ה,
בת הרה"ק רבי שלמה בעל ויקהל שלמה מפינטשוב זי"ע,
מגזע הגה"ק בעל הב"ח זי"ע, והגה"ק בעל מגלה עמוקות זי"ע, והגה"ק בעל קיקיון דיונה זי"ע,

ער איז געווען א גאון עצום און א עילוי נפלא און א בקי בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען א איש אלקים קדוש ונורא אספקלריא המאירה פאר הדור חסידא ופרישא, ער איז געווען א בעל תפלה נפלא און ער האט מעורר געווען לבבות ישראל לאביהם שבשמים, ורבים השיב מעון, ער איז געווען א בעל מופת עצום, און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער האט משפיע געווען תורה ועבודת השם אויף אידישע קינדער און איבער געלאזט זיין היילגען חיבור תפארת שלמה וואס באשיינט די אויגן פון אידן נאך ביז היינטיגן טאג, ער האט זיין גאנץ לעבן משפיע געווען פרנסה בהרחבה פאר אידן מיט א געוואלדיגע שפע מן השמים, דער צדיק האט געדינט דעם באשעפער מיט א קדושה וטהרה און געווען אייביג בשמחה,

שוין זייענדיג גאר יונג איז ער געווען מפורסם אלס א עילוי נפלא בתורה, וואס גדולים בתורה האבן באוואונדערט זיין חריפות וגדלות בתורה, ער האט שוין דאן געלערנט אין די ישיבה פון הגה"ק רבי אברהם צבי בעל ברית אברהם אב"ד פיעטרקוב זי"ע, און שפעטער ביי הגה"ק רבי דוד חריף בעל בית דוד מפיעטרקוב זי"ע, און אויך ביי הגה"ק רבי משה אהרן אב"ד קוטנא זי"ע,

נאך אלס בחור האט דער צדיק מחבר געווען א ספר אויף מסכת כתובות און אויף אסאך סגיות הש"ס, אויך איז דער צדיק דאן אלס בחור אין שטאט פיעטרקוב נתקרב געווארן צו דרך החסידות,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת גיטל ע"ה,
בת הגה"ק רבי שמואל מבארזילוב זי"ע,

אבער גלייך נאכן שידוך האט די מאמע פון די כלה נישט מסכים געווען צום שידוך, און דערפאר האט זיך דאס פארצויגען פאר א גאר לאנגע צייט, ערשט שפעטער ווען די מאמע איז נפטר געווארן האט די טאטע פון די כלה ממשיך געווען מיטן שידוך און געמאכט די חתונה,

יענע צייט אלס חתן האט ער געוואוינט ביי זיין טאטע וואס האט געוואוינט אין שטאט פשעדבורז, דארט איז ער נתקרב געווארן צו הרה"ק רבי ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ זי"ע, און שפעטער איז דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געווען פון די גרעסטע תלמידים פינעם הייליגען ראדושיצער זי"ע.

אפילו שפעטערע יארן ווען ער איז שוין געווען באוואוסט אלס א רבי פון טויזענטער חסידים, פלעגט ער כסדר פארן זיך מסתופף זיין ביי צדיקי הדור ובתוכם,

הרה"ק רבי מאיר הלוי בעל אור לשמים מאפטא זי"ע,
הרה"ק רבי פישל מסטריקוב זי"ע,
הרה"ק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע,
הרה"ק רבי חיים בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,
הרה"ק רבי משה מלעלוב זי"ע,
הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע,

ווי ערוועגט איז ער געווען פון די תלמידים פון הרה"ק רבי פישל סטריקאווער זי"ע, וואס איז געווען פון די חשובע תלמידים פועם הייליגען רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, וואס דער הייליגער רבי אלימלך האט געזאגט אויף זיין תלמיד רבי פישל מתוך דבריו "עולה תמימה",

דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע האט געשריבן אויף זיין רבין רבי פישל זי"ע, אז זיין רבי האט קיינמאל נישט געגלייבט אז א איד קען עובר זיין אויף א עבירה, און אפילו מען האט אים פארציילט אז א איד האט געזינדיגט, האט ער געזאגט אז דאס איז ליגענט, ווייל פון גרויס קדושה און דביקות בהשי"ת און אויך פון זיין גרויס אהבת ישראל, האט ער נישט געוואלט גלייבן אז א איד קען טון א עבירה,

אויך איז דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי מאיר בעל אור לשמים מאפטא זי"ע, וואס ער שרייבט אויף אים "נשמת מורי ורבי מאיר בן פיגא מאפטא זי"ע.

איינמאל האט אים זיין רבי ר' מאיר מאפטא זי"ע געזאגט, איך הער אז די קענסט זייער שיין זינגען, איך בעט דיר זינג מיר די זמר כל מקדש, האט ער אנגעהויבען זינגען דעם זמר כל מקדש, און רבי מאיר'ל האט זיך פארמאכט די אויגן און געזעצן מיט א דביקות און אויס געהערט דעם זמר, ווען ער האט געענדיגט דעם ניגון האט רבי מאיר'ל געזאגט פאר זיין זוהן, "דא האסטו ווי אזוי מען דארף זינגען דעם זמר פון שבת קודש, דער אינגערמאן בשעת ער זינגט, ליגט אים דער שם השם אויפן צונג, והוא מזמר כקול כנפי הכרובים בגן עדן".

אינעם ספר תפארת שלמה ברענגט דער צדיק אראפ פון זיין רבין ר' מאיר'ל א פירוש אויף די ווערטער פון נתנה תוקף "כמה יעברון וכמה יבראון", האט זיין רבי געזאגט, "כמה יתעברון" וויפיל וועלן געהאלפן ווערן די יאר מיט זש"ק, "וכמה יבראון" און וויפיל אידן וועלן זיין בריאים בשלימות און געזונט צו קענען דינען דעם גרויסן באשעפער.

אויך האט ער געהאט א תפלה וואס ער האט מקבל געווען פון זיין רבי ר' מאיר'ל צו זאגן יעדן טאג, "רבון העולמים ידעתי כי הנני בידך לבד כחומר ביד היוצר", און ער פלעגט זאגן אז די תפלה איז א סגולה פאר פרנסה וכל טוב.

אויך איז ער געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי ישעיה מפשעדבורז זי"ע, און איינמאל האט דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געזינגען ביי זיין רבין רבי ישעי' די זמר המבדיל מוצאי שבת קודש, און זיין רבי האט מורא'דיג הנאה געהאט פונעם זמר, און ווען ער האט געענדיגט דעם זמר האט רבי ישעי' ארייננגעלייגט די האנט אין זיין קעשענע און ארויס גענומען א מטבע,

און דאן האט זיין רבי דער צדיק רבי ישעי'לע זי"ע געזאגט פאר די חסידים פון ווי האב איך די מטבע, איך האב זיכער נישט געטראגען דעם מטבע אים שבת, ווייל איך בין נאך קיינמאל נישט נכשל געווארן מיט קיין חילול שבת, נאר מוז מען זאגן, אז אליהו הנביא ז"ל האט דאס אריין געלייגט, כדי איך זאל עס קענען געבן פאר דעם אינגערמאן אלס שכר פארן זינגען דעם זמר המבדיל, און דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע האט טאקע באקומען דעם מטבע וואס איז געקומען פון אליהו הנביא ז"ל.

בשנת תקצ"ד ביום י"ט אדר ב' האט מען פארן רבין געשיקט דאס כתב רבנות פונעם שטאט ראדאמסק, די שטאט ראדאמסק איז דאן באשטאנען פון 400 תושבים, אבער מיטן אנקום פון דעם גרויסן גאון וצדיק דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע, איז דער שטאט געווארן איינע פון די גרעסטע שטעט, הונדערטער אידן זענען דאן געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, און ער האט שוין דאן משפיע געווען תורה ועבודת השם פאר טויזענטער אידן,

ער איז געווען באוויסט אלס א בעל תפלה נפלא, און מיט זיין הייליגע כח הנגינה האט ער געשפאלטן הימלען און מעורר געווען אידישע הערצער און אריין געברענגט א הרהר תשובה אין יעדן איד, הונדערטער צדיקים פין זיין דור זענען געקומען מיט האלטן זיין דאווענען וואס איז געווען מיט א מורא'דיגע מתיקות,

ער פלעגט כסדר זאגן, אז תשובה טון איז א מצות עשה מן התורה, און מען דארף דאס טוהן מיט א שמחה, הרה"ק רבי נתן דוד משידלובצא זי"ע, האט געזאגט, אז רבינו התפארת שלמה זי"ע האט געהאט די עבודת השמחה מער ווי אלע צדיקים בדורו.

איינע פון די חסידים האט זיך איינמאל אפגערעדט פארן רבין, אז דער יצר הרע לאזט אים נישט אפ, און געזאגט אז נעכטן האב איך געהאט א שווערע מלחמה מיטן יצר און היינט צופרי ווען איך בין אויף געשטאנען איז ער שוין נאכאמאל דא, און דער איד האט געזאגט פארן רבין, אז ער שפירט ממש ווי ער האט שוין נישט קיין כח צו מלחמה האלטן מיט יצר הרע,

האט אים די רבי געזאגט, עס שטייט אין פסוק "כי תצא למלחמה" און עס שטייט נישט "כי תצא לניצחונות", ווייל א איד איז נישט אראפגעקומען אויף די וועלט פאר א נצחון קעגן דעם יצר הרע, נאר די סיבה פון זיין אויף די וועלט איז מלחמה צו האלטן יעדע רגע מיטן יצר הרע, און דאס איז דער תפקיד פון א איד אויף די וועלט,

עס איז באקאנט אז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, האט א נאמען געגעבן פאר זיין זוהן הרה"ק רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע נאך הרה"ק רבי ישעי' מפשעדבורז זי"ע,

און ער האט געזאגט, אז ער האט דעם נאמען געגעבן אלס א הכרת הטוב פארן אראפ ברענגען דעם תלמיד חשוב הרה"ק בעל תפארת שלמה זי"ע.

בשנת תר"ג ווען זיין גרויסע רבי דער הייליגער סבא קדישא מראדושיץ זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן זיך א גרויסע חלק פון די תלמידים מדבק געווען אינעם תלמיד דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע, און אסרו חג פסח בשנת תר"ח ווען הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן אויך א גרויסע חלק פון זיינע תלמידים זיך מדבק געווען אינעם צדיק דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע,

גרויסע צדיקים בדורו זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פונעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע זייענדיג מפורסם אלס א צדיק הדור און דער שר התורה בדורו און א בעל מופת נורא ובתוכם,

הרה"ק רבי נתן דוד משידלובצא זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל יצחק אב"ד מלאווא זי"ע,
הרה"ק רבי ארון מקראקא זי"ע,
הרה"ק רבי יעקב אב"ד ווידמא זי"ע,
הרה"ק רבי הלל מראדושיץ זי"ע,
הרה"ק רבי יששכר דב בעריש טורנהיים בעל עבודת יששכר מוולברוז זי"ע,

ער האט איבער געלאזט זיין הייליגע דברי תורה אינעם ספר תפארת שלמה, על התורה ומועדים,
עס איז געווען אן גענומען בשם צדיקי הדור, אז לערנען אינעם ספר תפארת שלמה איז מסוגל פאר שמחה און פרנסה.

און ווי באקאנט איז געווען דרכו בקודש צו בענטשן אידישע קינדער מיט ישועות ורפואות בני חיי ומזוני, ובפרט בעניני פרנסה, און הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, האט געזאגט, אז די שליסל צו פרנסה ליגט ביים הייליגען תפארת שלמה זי"ע,

ער האט איבער געלאזט הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי אברהם ישכר בעל חסד לאברהם מרדומסק זי"ע,
הרה"ק רבי אריה ליבוש מראדומסק זי"ע,
הרה"ק רבי צבי מאיר מראדומסק זי"ע,
בתו הרבנית הצדקת מרת רבקה ע"ה, אשת הרה"ק רבי ליפמאן מראדומסק זי"ע,

הרה"ק רבי אהרן הלוי עפשטיין מקראקא זי"ע, הנקרא ר' ארון קראקאווער, האט געהאט א ספעציעלע קירבה ביים הייליגען תפארת שלמה זי"ע, און די רבי האט כמה פעמים געזאגט אויפן תלמיד, "הארון נושא את נושאיו" און דער תלמיד ר' ארון פלעגט קומען צו זיין רבין צוויי מאל א יאר "יום כיפור, און שבועות".

בשנת תרכ"ו האט פאר רבי אהרן געכאפט א חשק צו קומען צום רבין חודש אדר, און ער איז אנגעקומען דאנערשטאג קיין ראדאמסק, ווען ער איז אריין געקומען געבן שלום פארן רבין האט אים די רבי מקבל געווען מיט א מוראדיגע שמחה און געזאגט, חז"ל זאגן דאך "הארון נושא את נושאיו", דער תלמיד רבי ארון האט גלייך פארשטאנען אז די רבי איז מרמז זיין פטירה, און טאקע יענעם נאכט ליל שישי איז די רבי דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע נסתלק געווארן,

ווערט דערציילט אז כ"ג אדר בשנת תרכ"ו איז נסתלק געווארן הרה"ק רבי יצחק מאיר אלתר בעל חידושי הרי"ם מגור זי"ע, האט דאן דער צדיק דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געזאגט פאר זיינע מקורבים, אז ער האט מקובל, אז ווען דער צדיק הדור וועט נסתלק ווערן, וועט מען אים ארויפריפן זיין בעל תפילה, כך הוה יענע וואך ערב שבת קודש איז דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע נסתלק געווארן,

וועגן זיין פטירה פארציילט מען, אז ליל שישי ערב ר"ח ניסן כ"ט אדר בשנת תרכ"ו פאר חצות, האט דער הייליגער תפארת שלמה גענומען דעם ספר הזוהר אין די האנט און געזעצן און געלערנט זוהר, א שטיק צייט נאך חצות האט ער געלייגט זיינע הייליגע הענט און זיין קאפ אויפן זוהר, די תלמידים האבן געמיינט אז די רבי האט איינגעדרימעלט אויפן ספר,

אבער נאך אפאר שעה האבן די תלמידים געזעהן אז די רבי וועקט זיך נישט אויף, איז מען צו געגאנגען און דאן האט מען געזעהן, אז רבינו זי"ע איז נסתלק געווארן בשעת זיין קאפ ליגט אויפן זוהר הקדוש, ויצאה נשמתו בטהרה.

ווען מען האט געענדיגט מאכן די טהרה האבן די חברה קדישא געזעהן אז פונעם נאז פונעם רבין רינט בלוט און דאס האט אפגעהאלטן דאס לוי', איז דער תלמיד רבי אהרן צו געגאנגען צום רבין און אריין געזאגט אונעם אויער, די רבי זאל וויסן אז עס איז ערב שבת קודש און

די זמן איז קורץ, דערוועגן בעט איך אז די רבי זאל אפשטעלן דאס בלוט, כדי מען זאל קענען מאכן דעם לוי' און נישט ח"ו קומען לידי חילול שבת, גלייך האט דאס בלוט אויף געהערט, און מען איז געגאנגגען צו די לוי', און ווי די רבי האט געזאגט "הארון נושא את נושאיו" איז זיין תלמיד רבי אהרן געווען פון די נושאי המיטה.

נסתלק ערב ראש חודש ניסן כ"ט אדר בשנת תרכ"ו, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט ראדומסק,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

עס איז שטארק באקאנט די נסיעה בשנת תרכ"ג פונעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע קיין צאנז אויף שבועות, צווישן די צאנזער חסידים איז דער שבועות פאררעכנט געווארן אלץ דער גרעסטער שבועות אין צאנז,

עס איז צו באמערקען אז דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע איז צו יענער צייט געווען א מנהיג פון טויזענטער חסידים, דאך האט ער איבערגעלאזט זיין היים על פי עצתו פון הרה"ק רבי ארון מקראקא זי"ע, און איז געפארן אויף שבועות קיין צאנז און צוזאמען מיט אים איז מיט געפארען די גאנצע פמליא, זיינע קינדער די גבאים ומשמשים און אהן א שיעור חסידים,

ווען דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע איז אנגעקומען קיין צאנז, איז אים דער צאנזער רב געגאנגען מקבל פנים זיין, ווען דער צאנזער רב איז צוריק געקומען פון די אכסניא האט ער זיך אנגערופן מיט זיין גרויס עניוות, "פלאי פלאים" דער הייליגער ראדאמסקער רבי איז שוין גרייט צו קבלת התורה, און איך האב נאך נישט אמאל אנגעהויבן צו שפירען א קליין חלק פון וואס דער ראדאמסקער רבי שפירט,

דעם ערשטען טאג האט דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געדאוונט פאר'ן עמוד שחרית און געזאגט הלל, ווען דער צאנזער רב האט מכבד געווען דעם הייליגער תפארת שלמה צו דאווענען פאר'ן עמוד, האט ער זיך קודם אנטזאגט זאגענדיג, אז אין ראדאמסק זאגט מען נישט קיין פיוטים, האט זיך דער צאנזער רב אנגערופען, אז לכבודו פון ראדאמסקער רבי'ן וועט מען אויך אין צאנז נישט זאגען היינט קיין פיוטים, דעמאלט האט דער תפארת שלמה אנגענומען דעם כיבוד,

דער צאנזער רב איז במשך פון גאנצען דאווענען געשטאנען אויסגעדרייט צום הייליגען תפארת שלמה נישט אראפנעמענדיג א אויג פון אים, און דער הייליגער דברי חיים מצאנז האט דאן געזאגט פארן הייליגען תפארת שלמה זי"ע בזה"ל, "זינגטס אהבת עולם עס זאל אונז דאס הארץ דערקוויקען",

דער גאנצער עולם איז גאר שטארק באגייסטערט געווארען פון זיינע תפילות און איבערהויפט דעם אקדמות זאגען, צום צווייטען טאג יום טוב שבועות, האט דער צאנזער רב געזאגט הלל פאר'ן עמוד, און דער הייליגער תפארת שלמה איז מורא'דיג נתפעל געווארען פונעם צאנזער רב'ס הלל, נאכ'ן דאווענען האט זיך דער הייליגער תפארת שלמה אנגערופען, אויב וואלט איך געוואוסט נעכטן ווי אזוי דעם צאנזער רב'ס הלל זעהט אויס, וואלט איך נעכטען נישט צו געגאנגען צום עמוד,

יארן שפעטער האבן די חסידים נישט געקענט פארגעסען דעם געהויבענעם מעמד ווען די צוויי צדיקים זענען זיך צוזאמען געקומען.

שבת נאך שבועות נאכדעם וואס דער צאנזער רב האט געענדיגט זיין טיש, איז ער געגאנגען באזוכן זיין דערהויבענעם גאסט דער תפארת שלמה, האט דער צאנזער רב געבעטן דעם תפארת שלמה, ער זאל עפעס זינגען לכבוד שבת, דער תפארת שלמה האט געזינגען "מזמור שיר ליום השבת", נאכדעם ווי דער תפארת שלמה האט געענדיגט האט זיך דער צאנזער רב אנגערופען דאס איז געווען גאר א חשוב'ע כיבוד.

הרה"ק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט, אז ווען דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע איז אנגעקומען קיין צאנז אויף א שבת קודש, האבען די צוויי צדיקים געשמיעסט צווישן זיך לגבי גילוי אליה הנביא ז"ל, האט דער צאנזער רב געזאגט, אז גילוי צדיקים איז גרעסער ווי גילוי אלי', האט דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געגעבען א ציטער,

ארויסגייענדיג האט דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געזאגט פאר די מקורבים, "זעענט עטס א מבין אויף דעם אלטיטשקען", [אין גרויס פוילען פלעגט מען זאגען אויף א רבי א ראש ישיבה דער אלטיטשקער], "איך האב שוין

א לאנגע צייט משתוקק געווען איך זאל זען דעם רבי ר' אלימלך, האט ער מיר איצט אים געוויזען".

דער צדיק וקדוש דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע, האט אסאך עוסק געווען צו פארעכטן די ציון קדשו פונעם הייליגען רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע. און ער האט מפרסם געווען דאס גדלות פונעם הייליגען רבי ר' אלימלך,

אויך האט דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע מתקן געווען א פלאץ אינעם שטוב ווי דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע האט געוואוינט, אז מען זאל דארט דאווענען יעדן טאג,

ווערט דערציילט, אז דאס ערשטע מאל וואס דער תפארת שלמה איז געקומען קיין ליזענסק, האט ער דארט געפרעגט דעם עולם, אויב די שטוב ווי רבי אלימלך האט געוואוינט שטייט נאך, האט מען געזאגט אז יא עס איז נאך דא, און דארט וואוינט א גאר פשוטע איד,

איז דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע אריבער צום שטוב, און ער פרעגט דעם איד וואס וואוינט דארט, אויב ער ברויך סיי וואסערע ישועה, זאגט דער איד אז יא, ער האט ליידער נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, האט דער הייליגער תפארת שלמה געזאגט פאר דעם איד, וויסן זאלסטו אז ווי לאנג די וואוינסט אין דעם שטוב וועסטו נישט זוכה זיין צו קיין זש"ק,

און דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע האט געזאגט פאר דעם איד, אויב בוסטו מסכים זיך אוועק צו ציען פון דעם שטוב, וועסטו געהאלפן ווערן מיט א קינד צום יאר, פארשטייט זיך אז דער איד האט מסכים געווען דערצו, דער הייליגער תפארת שלמה האט דאן איבער געמאכט דעם שטוב ווי עס פאסט פאר דעם שטוב פונעם צדיק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, פארשטייט זיך אז צום יאר איז דער איד געהאלפן געווארן מיט א בן זכר,

ער פלעגט יעדעס יאר פארן צום יארצייט און אפילו ער איז געווען א כהן איז ער געווען סמוך ונראה צום ציון, איין יאר ווען דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע, איז געפארן צום יארצייט, איז ער דורך געפארן די שטאט קראקא און ער איז אריין צו הגה"ק רבי שמעון סופר זי"ע, האט אים רבי שמעון געפרעגט, דא אין קראקא ליגען דאך אזוי פיל גרויסע צדיקים, פארוואס ברויכסטו פארן צום רבי אלימלך ביז ליזענסק,

האט דער הייליגער תפארת שלמה געזאגט, אז די אלע צדיקים האבן נישט אזוי ווייט קיין שייכות מיט אונז אויפן עולם הזה, אבער רבי אלימלך מליז'נסק זי"ע, זיצט איינגעהילט אין טלית און תפילין און הערט זיך צו צי יעדן בקשה אויף די וועלט און פועל'ט פאר אונז אלע.

דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע פלעגט יעדעס יאר מאכן א סעודה ביים יארצייט, איין יאר האט ער געמאכט א גרויסע סעודה און געזאגט, אז די רבי ר' אלימלך איז דא מיט אונז, און דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע האט דאן געבענטשט דעם גאנצן עולם אינעם זכות פונעם רבי ר' אלימלך, און מען פארציילט אז יעדער וואס איז דארט געווען איז געהאלפן געווארן מיט ישועות און רפואת.

פארציילט מען אז א איד איז געקומען צום הייליגען תפארת שלמה זי"ע, און זיך מזכיר געווען אז ער ברויך א גרויסע ישועה, האט אים די צדיק געזאגט קום מיט מיר, איך פאר יעצט צום הייליגען רבי אלימלך מליז'נסק זי"ע,

איז דער איד געפארן מיטן תפארת שלמה קיין ליזענסק, שטייענדיג ביים ציון איז געקומען א אייניקל פונעם רבי אלימלך און געזאגט, אז ער ברויך האבן צרכי חתונה 600 ריייניש, האט דער צדיק דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געזאגט פאר דעם איד, געב דעם סכום פארן אייניקל פונעם רבי אלימלך זי"ע און די וועסט געהאלפן ווערן, דער איד האט גלייך אהין געגעבן דעם סכום פארן אייניקל פונעם רבי אלימלך, און ער האט געהאט א ישועה.

הרה"ק רבי יחזקאל ראבינאוויץ זי"ע, א אייניקעל פונעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע האט דערציילט, אז בשנת תרע"ג איז ער געגאנגען קיין ליזענסק צום יארצייט פון רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, וויבאלד ער איז געווען א כהן איז ער געגאנגען אויפן פעלד נישט ווייט פונעם אוהל אזוי ווי אלע כהנים, איז צו אים צוגעקומען אן אלטער ערל און זאגט אים, איך האב געהערט אז די בוסט א אייניקעל פון די רבי פון ראדומסק, און דערפאר וויל ער אים שיין מכבד זיין,

ווען דער אייניקעל האט געפרעגט דעם ערל פון ווי ער קען דעם זיידן מראדומסק, האט דער ערל דערציילט, אז ווען דער תפארת שלמה זי"ע פלעגט יעדעס יאר קומען צום יארצייט קיין ליזענסק, האט ער געהאט זיין פלאץ

אויפן פעלד פון דעם ערל, וואס דארט איז דער צדיק געזעצן די גאנצע צייט און עוסק געווען בתורה ועבודה,

דערציילט דער ערל, אז ער האט דעם פלאץ קיינמאל נישט צו גערירט צוליב דעם קדושה וואס דער צדיק האט דארט איבער געלאזט, און ער האט ממש נעבן דעם דריי ביימער וואס געבן ארויס גאר שיינע פרוכט און ער מאכט אסאך געלט דערפון, און דער ערל זאגט, אז ער איז זיכער אז דאס איז צוליב די ברכה וואס דער תפארת שלמה האט איבער געלאזט אויפן פאליז,

די נאנטע חסידים פינעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע האבן געוויסט צו זאגן, אז ווען מען קומט זיך מזכיר זיין ביים צדיק און ער צובייזערט זיך, האט מען געוויסט אז מען איז א געהאלפענער, ווי באקאנט ווען ער האט א איד געגעבן א קלאפ האט מען שוין געשריגען מזל טוב, ווייל מען האט געוויסט אז דער איד איז שוין א געהאלפענער.

איינמאל איז געווען א איד וואס האט געברויכט א ישועה, און ער האט פראבירט אז די רבי זאל זיך בייזערן אויף אים, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן און די רבי האט זיך נישט געבייזערט אויף דעם איד, האט דער איד אוועק גענומען דעם סידור פונעם רבין, און געהאפט אז די רבי וועט זיך בייזערן אויף אים און ער וועט האבן א ישועה, האט זיך די רבי אנגערופען צו דעם איד, איך וויים אז די ווילסט איך זאל דיך מקלל זיין, "א מכה אני יקלל אותך", און דער איד איז געהאלפן געווארן.

ווי באקאנט האט דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע קיינעם נישט געלאזט זיין אויף פסח ביי אים, איז געווען א איד וואס האט געברויכט א ישועה געהאלפען ווערן מיט קינדער, האט ער זיך באהאלטען אונטערן טיר ביזן סדר, ביי די הגדה האט אים די רבי ארויס גערופען און געוויזען אינעם הגדה ביי מה נשתנה, און געפרעגט ווייסטו וואס עס שטייט פאר מה נשתנה, האט דער איד געזאגט "וכאן הבן שואל", האט אים די רבי געזאגט, יעצט קענסטו בעטן פאר א בן זכר, און צום יאר איז דער איד געהאלפן געווארן מיט א בן זכר.

הרה"צ רבי נח גד וויינטרויב ז"ל האט פארציילט, אז ר' יצחק אליניק ז"ל פון ראדאמסק האט איין יאר ערב פסח נאך חצות גענומען א זאק פאטעטעס, א פעטע גאנז, און א שאכטל אויל, און אריבער צום הייליגען תפארת שלמה זי"ע אין שטוב, און מיטן פיס אויף געמאכט דעם טיר, און דער הייליגער צדיק האט דאן געהאלטן אינמיטן לערנען און זיך דערשראקן, און דער ר' יצחק האט אראפגעלייגט דעם שווערן פעקל אויף דער ערד און די פאטעטעס זענען ציפלויגען אויף דער ערד, און זאגט פארן רבין, דא האט די רבי א שיינע מתנה לכבוד יו"ט,

ווען די רבי האט געזעהן וואס דער ר' יצחק האט אים געברענגט, האט אויפגעלאכטן די אויגן פונעם רבין און ער האט א זאג געגעבן, "רבי איציק בזכות דעם זאלסט לעבן הונדערט יאר, ווייל איך האך גארנישט געהאט מיט וואס יו"ט צו מאכן, און אין דעם זכות וואס די האסט מיך מחיה געווען זאלסטו לעבן הונדערט יאר",

האט רבי נח גד געזאגט, אז ער האט געקענט דעם איד ווען ער איז געווען 98 יאר און ער האט געזאגט, איך האב נאך 2 יאר צו לעבן פונעם ברכה פונעם תפארת שלמה זי"ע, און כך הוה ביי די הונדערט יאר איז דער איד נפטר געווארן.

הרה"ח רבי ליפמאן ז"ל די שוואגער פונעם תפארת שלמה האט פארציילט, אז ער איז געווען אין גור ביי די פטירה פון הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע, כ"ג אדר בשנת תרכ"ו, און ווען ער איז צוריק געקומען פון די לוי' האט ער נישט געוואלט פארציילען פארן שוואגער וועגן די פטירה פונעם חידושי הרי"ם, וואס ווי באקאנט איז געווען א שטארקע אהבה צווישן די צוויי צדיקים און ער האט אים נישט געוואלט מצער זיין,

אבער די קומענדיגע טאג איז דער תפארת שלמה געוואר געווארן וועגן די פטירה און גלייך גערופען דעם שוואגער און זיך נאכגעפרעגט אויפן פטירה און די לוי', און ער האט אויס געבראכן אין א געוויין און אנגעכאפט זיין דיקנא קדישא און געזאגט, זעט מיין בארד איז שוין וויים, און זיך אויפגעשטעלט און געזאגט, איך האב שוין נישט וואס צו זיכען אויף די וועלט,

האט דער שוואגער רבי ליפמאן און געפרעגט דעם רבין, דער דור ברויך דאך דעם רבין אויף די וועלט, האט ער גענטפערט, "כמעשהו בחול כך מעשהו בשבת", איך האב געארבעט אויף די וועלט וואס הייסט חול, וועל איך אויך ארבעטן בשבת וואס דאס איז עולם שכולו טוב, און געזאגט אז ער האט מקובל פון רבותיו הקדושים, אז ווען די צדיק הדור ווערט נסתלק, רופט מען אים לכבודו צו מקבל שבת זיין דארט אויבן אין הימל, און טאקע

יענע וואך נאך די פטירה פונעם חידושי הרי"ם, ליל שישי כ"ט אדר בשנת תרכ"ו איז דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע טאקע נסתלק געווארן.

איז געווען איין יאר ערב יו"ט שבועות און עס איז נישט געווען קיין פיש צו באקומען אינעם שטאט ראדאמסק, איז געווען א חסיד פונעם תפארת שלמה וואס האט געהייסן ר' בעריש ז"ל וואס האט געארבעט מיט אויל, האט זיך די רעבעצין אפגערעדט אז עס קומט א גרויסע עולם און זי ווייסט נישט וואס עס וועט זיין אז עס איז נישט דא קיין פיש,

איז דער ר' בעריש אריבער צו א דערנעבעדיגען שטאט און אהיים געברענגט פאר די רעבעצין פיש בהרחבה, א טאג נאך יו"ט האט די רבי געזעהן ר' בעריש גיין אויפן גאס, האט אים די רבי געפרעגט, "וואס ווילסטו פין די פיש", האט ר' בעריש געזאגט איך האב דאס נישט געטון פאר פרנסה נאר כדי עס זאל זיין א שמחות יו"ט ביים רבין, אבער רבי די פרנסה ביי די אויל גייט שווער, האט דער הייליגער תפארת שלמה געזאגט פאר ר' בעריש בזה"ל, " עס זאל זיך גיסען און גיסען פון אלע זייטן", און פון דאן איז אריין א גרויסע ברכה און ער איז נתעשר געווארן.

ווי עס איז באקאנט האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע מחזר בתשובה געווען הרה"ק רבי חיים דוד דאקטאר זי"ע, און אים ארויף געברענגט צו א גאר הויכע מדריגה, און נאכן פטירה פונעם חוזה האט ער זיך מדבק געווען אין רבי דוד'ל לעלובער זי"ע, און נאכן פטירה פונעם לעלובער האט ער זיך מדבק געווען אינעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע,

האבן די חסידים אמאל געפרעגט רבי חיים דוד, וויבאלד דער הייליגער תפארת שלמה איז דאך שוין געווען א דור שפעטער, ווי אזוי קענסטו זיך מדבק זיין אינעם תפארת שלמה נאכן זיין דבוק אינעם חוזה מלובלין און אויך אינעם הייליגע לעלובער זי"ע,

האט רבי חיים דוד דאקטאר זי"ע געזאגט, מיין רבי דער חוזה מלובלין האט מיך אויס געלערנט ווי אזוי צו שפירען אויף איינעם וואס איז א צדיק וקדוש און פון די נוטרי ברית, און דער הייליגער תפארת שלמה האט אלע סימנים, ער איז א צדיק וקדוש, און ער האט אין זיך די נשמת התנא רבי עקיבא ע"ה, און חכמת שלמה המלך ע"ה, און ער איז בבחינת יוסף הצדיק ע"ה.

מען פארציילט אז א איד איז געפארן צום הייליגען תפארת שלמה און א חבר זיינער האט געבעטן אז ער זאל אים מזכיר זיין ביים צדיק, אבער ווען דער איד איז אנגעקומען צום תפארת שלמה האט ער פארגעסן די נאמען פון דעם חבר און ער האט זיך זייער מצער געווען, האט ער פארציילט פארן רבין אז ער האט פארגעסן דעם נאמען פון זיין חבר,

האט אים דער צדיק געפרעגט, אפשר איז די נאמען אזוי, האט דער איד געזאגט אז יא, און אפשר איז די מאמע'ס נאמען אזוי, האט דער איד געזאגט אז יא, און דער צדיק האט געזעהן ווי דער איד וואונדערט זיך פון ווי ער ווייסט דעם נאמען, האט ער געזאגט פאר דעם איד, אז ביי אונז איז דא א ספר השמות וואס דארט שטייט אלע נעמען פון כלל ישראל, און איך האב דעם נאמען פון דעם איד דארט געטראפן.

א חסיד פונעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע האט איינמאל געקויפט דעם הייליגען ספר בת עין ביי א מוכר ספרים, שפעטער איז דער מוכר ספרים געפארן קיין ראדאמסק און געטראפן דעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע, און פארציילט אז ער האט פארקויפט פאר איינעם דעם ספר בת עין, האט דער תפארת שלמה געבעטן זיין משמש ר' אברהם לייב ז"ל, אז ער זאל פארן צו דעם איד און בעטן אויב ער קען בארגן דעם ספר בת עין, און דער חסיד האט דאס גערן געבארגט פארן רבין,

נאך אפאר וואכן איז דער איד געקומען אויף א שבת צום רבין דער תפארת שלמה, זונטאג ווען דער איד איז זיך געגאנגען געגעזעגנען ביים רבין, האט די רבי געבעטן אויב ער קען נאך האלטן דעם ספר פאר א שטיק צייט, דער חסיד האט געזעהן ווי שטארק דער רבי וויל האבן דעם ספר, האט ער געזאגט אז ער גיבט דאס אוועק במתנה פארן רבין, ווען דער הייליגער תפארת שלמה האט דאס געהערט האט זיין פנים אויפגעלאכטן און ער האט געהייסן ברענגען א לחיים,

נאכדעם האט ער פארציילט פאר דעם איד די ענין וועגן דעם ספר און געזאגט, דער מחבר פון דעם ספר איז געווען א צדיק גדול ונורא, "פון דיא פערצייטישע יודען", (וואס ווען דער תפארת שלמה זי"ע האט געזאגט דעם לשון אויף איינעם, האט דאס געמיינט אז דער איד איז געווען א גאר גרויסע צדיק פון די הויעכע נשמות),

און ער איז געווען בזמן פונעם סבא קדישא מראדושיץ זי"ע, און ער האט געוואוינט אין רוסלאנד אינעם שטאט

אווריטש, איך האב זייער געוואלט פארן זעהן דעם צדיק, אבער צוליב די ווייטע וועג בין איך נישט אנגעקומען צו אים, ער איז ארויף קיין ארץ ישראל און ליידער נסתלק געווארן און נישט איבער געלאזט קיין קינדער רח״ל, און געזאגט, מיין זוהן אברהם יששכר בער הייסט נאך דעם צדיק.

דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע עניוות, ער האט בכלל נישט געהאלטן פון זיך און נישט געהאלטן אז ער איז עפעס העכער ווי א אנדערן איד, איין מוצאי שבת קודש איז דער צדיק אריין געקומען אין ביהמ״ד און ער מאכט א געוואלד און שרייט, ״אידן ווער ברויך א גלאז טיי, איך וויל געבן א גלאז טיי פאר א איד״.

ווען מען האט געפרעגט דעם צדיק וואס גייט פאר, האט דער צדיק דערציילט, עס איז יעצט ארויף געקומען א נשמה אויפן עולם האמת, און מען האט געברענגט דעם ספר הזכרונות און געקוקט ווי אזוי מען זאל די נשמה פסק׳נען, האט מען דארט געטראפן אז דער איד איז געווען א פשוטע איד, אבער מען האט דארט געזען, אז דער איד האט איינמאל געטון א גרויסע חסד מיט א אנדערן איד, ער האט געברענגט א גלאז טיי פאר א אנדערן איד,

און דערפאר האט דער צדיק דער תפארת שלמה זי״ע אוים געפירט, ״האטס רחמנות אויף מיר, ווער דארף א גלאז טיי, איך וויל אים געבן א גלאז טיי, ווייל איך האב אפילו דאס איין מאל אויך נישט געטון״, דאס איז געווען דעם עניוות פון דעם גרויסן צדיק וואס האט זיין גאנץ לעבן אלעם געטון פאר א אנדערן איד, אבער באמת האט ער געהאלטן אז ער האט נאך גארנישט געטון,

איין שבת קודש איז דער הייליגער צדיק הרה״ק היהודי הקדוש מפשיסחא זי״ע געווען אויף שבת אין שטאט וולאשצאווי, דארט ווי דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע איז אויף געוואקסן, איז געווען דער מנהג אין שטאט, אז ערב שבת קודש בעפאר מנחה זענען אלע אידן פון שטאט געקומען אין ביהמ״ד, און ווארטענדיג אז דער צדיק זאל אריין קומען, האבן די עלטערן געזאגט שיר השירים מיט די קינדער, דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע זייענדיג א קינד פון בערך 5 יאר אלט, האט אויך געזאגט שיר השירים אויפן קול מיט זיין טאטן,

ווען דער צדיק דער יהודי הקדוש זי״ע איז אריין געקומען אין ביהמ״ד דאווענען מנחה, האט ער געהערט ווי דער קינד דער תפארת שלמה זי״ע זאגט שיר השירים מיט א געוואלדיגע נעימות ומתיקות, האט דער צדיק זיך אנגעריפן בזה״ל, ״דער קינד זאגט שיר השירים ממש אזוי ווי שלמה המלך ע״ה״, און דער יהודי הקדוש זי״ע איז צו געגאנגען צום קינד און א קיש געגעבן אויפן מקום התפילין, יארן שפעטער האט דער תפארת שלמה זי״ע געזאגט, אז ער האט דעם קיש פונעם צדיק געשפירט ביז צו זיין בר מצווה, און דאס איז געווען הנחת תפילין פאר אים פונעם צדיק.

אין זיינע יונגע יארן איז דער צדיק וקדוש דער תפארת שלמה זי״ע אסאך געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פון הרה״ק רבי בונם מפשיסחא זי״ע, און יענע צייט איז דער צדיק רבי בונם שוין געווען א סגי נהור ל״ע, איז געווען דער סדר דארט, אז יעדער וואס איז געקומען אויף שבת, איז דורך דעם צדיק רבי בונם און שלום געגעבן, דער תפארת שלמה זי״ע איז אויך דורך און שנעל געגעבן שלום פארן צדיק,

אבער א מינוט נאכדעם האט דער צדיק רבי בונם געזאגט בזה״ל, ״ווער איז דער יונגערמאן וואס האט מיר יעצט געגעבן שלום, וואס איך שפיר אויף אים חכמת שלמה״, ווען דער תפארת שלמה האט געהערט די ווערטער האט ער פארשטאנען אז אים מיינט די רבי, דערפאר מיט זיין גרויס עניוות, איז ער אנטלאפן פון ביהמ״ד און שנעל געלאפן צום באן אוועק צו פארן פון שטאט,

אלע מענטשן וואס זענען דארט געווען זענען אריבער ביים רבין, אבער דער צדיק רבי בונם האט כסדר געזאגט, אז דער יונגערמאן איז נישט דא, איז מען געגאנגען צום באן און זיך דארט נאכגעפרעגט ווער עס איז יעצט דא געווען, ביז די אידן זענען געוואר געווארן אז דאס איז געווען דער תפארת שלמה, ווען מען האט דאס געזאגט פארן צדיק רבי בונם, האט ער זיך אנגעריפן, דער יונגערמאן קען איך שוין פאר א לאנגע צייט אז ער האט חכמת שלמה, איך האב נאר געמיינט אז עס איז דא נאך איינער מיט די חכמה,

ווערט געברענגט אז ווען הרה״ק רבי משה מלעלוב זי״ע האט זיך אריבער געצויגען קיין ארץ ישראל, האבן אים באגלייט אלע צדיקים פון שטאט, ובתוכם איז געווען דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע, בעפאר דער רבי משה זי״ע איז אפגעפארן, האט ער געבעטן דעם תפארת שלמה אז ער זאל אים אלס כהן בענטשן, דער תפארת

שלמה האט מקיים געווען דעם בקשה פון זיין רבין און ער האט דעם רבין געבענטשט מיט ברכת כהן מיט גרויסע בכיות נוראות, אז דאס האט מעורר געווען אלע אידן וואס זענען דארט געווען,

דאן האבן די חסידים פון רבי משה מלעלוב זי״ע געפרעגט דעם רבין, ווי אזוי לאזט אונז די רבי איבער כצאן בלי רועה, האט רבי משה מלעלוב זי״ע געזאגט, איך לאז ענק איבער מיט דעם צדיק וקדוש רבי שלמה מרדומסק וואס ער איז אסאך העכער ווי מיר, און איר זאלט אלע פארן זיך מסתופף זיין בצלו, פארשטייט זיך אז די תלמידים האבן אויס געפאלגט וואס זייער רבי האט זיי געהייסן, דער תפארת שלמה זי״ע מיט זיין גרויס עניוות האט די תלמידים פראבירט צו פארשיקן האלטענדיג אז ער איז גארנישט, אבער רוב פון די תלמידים פון רבי משה מלעלוב זי״ע האבן זיך אין אים מדבק געווען,

א איד וואס האט פארמאגט א אוצר חיטים וואס ער האט דארט געהאט א גרויסע אוצר פון ווייץ, איין טאג האט זיך אריין געכאפט ווערים אינעם אוצר און פארשטייט זיך אז דער איד האט פון דעם געהאט א גרויסע שאדן, צו דעם האבן די סוחרים אין זיין שטאט געהערט דערפון און צוביסלעך האט דער איד ליידער פארלוירען אסאך געלט,

דער איד איז געקומען זיך אויסרעדן צום הייליגען תפארת שלמה זי״ע וואס איז געווען מפורסם מיט זיינע ישועות אויף פרנסה פאר אידישע קינדער, דער צדיק האט געבעטן פון דעם איד אז ער וויל אריבער גיין צו זיין אוצר חיטים, דער צדיק איז אריבער צום אוצר און אזוי ארום קוקענדיג אינעם אוצר האט דער איד געזען אז עס איז מער נישט דא קיין ווערים, און פון דאן האט מען אין דעם אוצר מער נישט געטראפן אפילו איין ווערים, און דער איד איז געווארן אויפגעלאכטן מיט זיין פרנסה,

איין יאר ווען דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע איז געפארן קיין ליזענסק אויפן יארצייט פון רבי אלימלך מליזענסק זי״ע מיט א גרויסע קבוצה פון זיינע חסידים, איז דער צדיק דורך געפארן אויפן וועג א שטאט נישט ווייט פון ליזענסק, איז דארט געווען א איד וואס האט געהאט א ארענדער, און ווען דער איד האט געהערט אז דער צדיק דער הייליגער תפארת שלמה פארט דורך זיין שטאט, איז ער קעגן געגאנגען דעם צדיק און געבעטן אז די רבי זאל אריין קומען ביי אים אין גאסט הויז, און ער וועט מכבד זיין דעם רבין און אלע חסידים וואס זענען מיט אים,

דער צדיק האט מסכים געווען און איז אריין צו דעם איד אין גאסט הויז, ווען דער צדיק האט אינדערפרי זיך געגרייט ווייטער צו פארן, איז דער איד אריין געקומען און זיך אויס געוויינט צום רבין, אז ליידער האט ער א טאכטער וואס איז ליידער אוועק פונעם אידישן וועג, און זי האט חתונה געהאט ר״ל מיט א גוי, און ער בעט דעם רבין א ברכה אז ער זאל געהאלפן ווערן פון דעם צרה,

דער צדיק האט אים אויס געהערט און וואונטשט אן דעם איד, אז ער וועט בקרוב האבן אסאך נחת פון דעם טאכטער, דער איד האט נישט פארשטאנען וואס די רבי מיינט מיט די ברכה, ווייל ער האט געמיינט אז די ברכה וועט זיין אז ער וועט ר״ל פטור ווערן פון דעם טאכטער וואס ברענגט אים ליידער אסאך צער פירענדיג א נישט אידישע לעבן,

אבער צו זיין וואונדער האט דער גוי וואס האט חתונה געהאט מיטן טאכטער, איין טאג אפ געמאכט זיך מגייר צו זיין, און פון דאן האט דער גר אנגעהויבן פירן א אידיש לעבן מיט זיין טאכטער, און דעם קומענדיגן יאר ווען דער צדיק דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע איז געפארן צום יארצייט אין ליזענסק, איז דער איד געקומען און דערציילט פארן רבין די וואונדער, אז דער איידעם האט זיך מגייר געווען, און יארן שפעטער איז דער איידעם געווארן א חסידישע איד און געגאנגען מיט א שטריימל און געפירט א ערליכע אידישע שטוב, אלעס מיט די ברכה פון דעם גרויסן צדיק וקדוש דער תפארת שלמה זי״ע.

ביים הייליגען תפארת שלמה זי״ע איז געווען דער מנהג, אז דער חזן הידוע ר׳ לייזרקא פערלמוטער ז״ל פלעגט קומען צום רבין בעפאר ראש השנה, און ער פלעגט זינגען ניגונים וואס ער האט מחבר געווען לכבודו פונעם רבין, און אויף יעדע ניגון האט דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע געזאגט אויב עס איז ריכטיג אדער נישט,

איינמאל ווען דער חזן ר׳ לייזרקא האט אנגעהויבן זינגען א ניגון, האט דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע פארשטאפט זיין אויער און געזאגט פארן חזן, וואס גייט פאר מיט דעם ניגון, איך שפיר אויפן ניגון עפעס שלעכטס, דער חזן האט זיך גאר שטארק געוואונדערט, וויבאלד אין זיינע אויגן איז דער ניגון געווען א גאר שיינע

ניגון, אבער גלייך האט ער זיך דערמאנט, אז א חלק פונעם ניגון איז אים איינגעפאלן אינעם מרח'ן, און דאס האט דער צדיק וקדוש גלייך מרגיש געווען בשעת ער האט דאס געזינגען פארן צדיק.

אין די צייטן ווען די מיליטער האט מורד געווען אין מלכות פולין איז געווען א גרויסע פחד און שרעק אויף די גאס, איין טאג איז די מיליטער געקומען אין שטאט ראדומסק און זיי האבן געבעטן עסן פון איינע פון די עשירים פון שטאט, יענער האט זיך אפ געזאגט פון געבן עסן פאר זיי, מען האט דעם איד אוועק גענומען און איינגעשפארט אין תפיסה און עס האט אים אפגעווארט ח"ו א שרעקליכע פסק אז מען זאל אין ח"ו אומברענגען.

די משפחה איז געקומען צו לויפן צום צדיק דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע און מזכיר געווען דעם איד אז עס ווארט אים ח"ו אפ א שרעקליכע עונש, האט דער צדיק געזאגט, "זייט נישט באזארגט דער איד וועט נישט אומקומען, נאר עס וועט נאר אוים גיין אויף געלט", און דער צדיק האט געהייסן מען זאל גיין אינטערשמירן שוחד פארן הויפט פון די מיליטער.

זיי זענען געגאנגען צום הויפט און זיך איינגעבעטן ביי אים אז זיי זענען מסכים צו געבן סיי וואסערע סכום אז מען זאל דעם איד באפרייען, דער הויפט האט מסכים געווען און געבעטן דער גרויסן סכום פון 30 טויזענט זהובים וואס איז געווען א גרויסע סכום, פארשטייט זיך מען האט גלייך אהין געגעבן דאס געלט און דער איד איז באפרייט געווארן.

זיי זענען גלייך אריבער געלאפן צום הייליגען תפארת שלמה זי"ע און דערציילט אז זיין ברכה איז מקויים געווארן, דאן האט דער צדיק געפרעגט וויפיל געלט מען האט דערפאר געגעבן, האט מען געזאגט פארן רבין אז מען האט געגעבן 30 טויזענט זהובים, האט דער צדיק געזאגט מיט א וואונדער, אזא גרויסע סכום האבן זיי גענומען, איך זאג ענק אז דאס גאנצע געלט וועט נאך צוריק קומען אי"ה, די אידן האבן זיך גאר שטארק געוואונדערט אויף דעם, ווייל ביי די מורדים איז דאס כמעט קיינמאל נישט געשען אז מען זאל צוריק ברענגען געלט.

אבער א שטיק צייט שפעטער האט די ממשלה געכאפט די אלע מורדים, און צווישן די זאכן וואס מען האט ביי זיי געטראפן איז געווען דעם בינטל געלט וואס זיי האבן גענומען ביי דעם איד אלס אויסלייז געלט, און זיי האבן דאס גאנצע געלט צוריק געברענגט פאר די משפחה עס האט אפילו נישט געפעילט א פרוטה.

די משפחה איז צוריק געקומען צום תפארת שלמה זי"ע און דערציילט דעם גרויסן מופת וואס דא איז פארגעקומען, אזוי ווי דער צדיק האט געהערט וואס זיי דערציילט, האט ער זיך זייער געבייזערט און געזאגט, "אויך מיר א מופת, אויך מיר א מופת", און ער האט פאר זיי געהייסן אהיים גיין און אויפהערן דערציילן מופתים, ווען איינער האט דאן געפרעגט דעם רבין, פארוואס ער מאכט דא אוועק אזא גרויסע מופת וואס דא איז געשען, האט דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געזאגט, אז ער האט מקובל פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, אז א איד זאל זיך קיינמאל נישט גרויסן מיט א מופת וואס ער האט באוויזן, און דערפאר מאכט ער אוועק דעם גאנצן מופת.

איינמאל האט פאסירט אז די רעבעצין פונעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע הרבנית הצדקת מרת גיטל ע"ה האט זייער געליטן פון א צובראכענע פיס, די רעבעצין האט געהאט שרעקליכע יסורים אויף די פיס, און די דאקטוירים האבן פראבירט וואס זיי האבן געקענט, אבער זיי האבן אויף געגעבן פון טרעפן א רפואה פאר די רעבעצין, און אזוי איז דאס אנגעגאנגען פאר א שטיק צייט.

איין טאג איז איינע פון די טעכטער פונעם צדיק אריין געקומען צום טאטן און דערציילט די מצב מיט די מאמע'ס פיס, אז זי האט ליידער גרויסע יסורים אויף די פיס, און פרעגט די טאטע היתכן די טאטע העלפט אלע אידן מיט ישועות און די מאמע העלפט ער נישט מיט א רפואה, האט דער צדיק געהייסן מען זאל אריין ברענגען די מאמע צו אים אין שטוב.

די רעבעצין איז אריין געקומען אנגעלאנט אויף די שטעקענעס, בשעת מעשה איז דורך פארענט פונעם שטוב א בהמה, האט דער צדיק דער תפארת שלמה געזאגט, אין גמרא שטייט (ביצה ל"ט) "רגלי הבהמה כרגלי הבעלים", לפלא יענע מינוט איז דער בהמה געפאלן און זיך צובראכן די פיס, און די רעבעצין איז געזונט געווארן כאחד האדם און פון דאן געגאנגען אויף די פיס געהעריג.

א חסיד איז אמאל אריין געקומען צום הייליגען תפארת שלמה זי"ע מיט א קינד וואס האט ליידער זייער געליטן

אויף די לינגען, דאס קינד האט ליידער כסדר געשפיגען בלוט און די דאקטורים האבן פארגעזאגט, אז ליידער ווערט זיינע לינגען ערגער און ערגער און ער איז אין א גרויסע סכנה, האט דער איד מזכיר געווען דאס קינד פארן רבין און געבעטן די רבי זאל אים געבן א ברכה אז ער זאל געזונט ווערן.

דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע האט געקוקט אויף דעם קינד מיט א רחמנות בליק און זאגט, וואס ווילן די דאקטורים פון דיר, און דער צדיק האט געהייסן מען זאל ברענגען א גלעזל משקה פארן קינד, דער טאטע פונעם קינד האט זיך שטארק געוואונדערט אויף דעם און געזאגט, רבי די דאקטוירים האבן מיר אן געזאגט אז אפילו שמעקן משקה איז א סכנה פארן קינד, און ווי אזוי הייסט די רבי ער זאל נאך טרינקען משקה.

האט דער צדיק געזאגט, איך ווייס אז דאס טרינקען משקה און די מחלה פונעם קינד און דאס שפיען בלוט זענען איינס קעגן דעם אנדערן, אבער טאקע דאס וויל איך דא טון, ווייל ביידע קענען דאך נישט זיין ביי איין מענטש, דערפאר וויל איך ער זאל טרינקען משקה, און דורך דעם וועט די מחלה אוועק גיין, דער קינד האט טאקע געטרינקען די משקה וואס די רבי האט אים געגעבן, און לפלא האט דאס קינד גלייך אנגעהויבן שפירן בעסער, און נישט לאנג נאכדעם איז דער קינד אינגאנצען געזונט געווארן.

אין שטאט ראדומסק האט געוואוינט א איד וואס האט געהייסן ר' מענדל וואסער טרעגער ז"ל, ער האט דערציילט, אז אלס בחור האט ער געלערנט אין ביהמ"ד פונעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע, דער הייליגער תפארת שלמה פלעגט כסדר אריין קומען אין ביהמ"ד זען אויב די בחורים לערנען מיט א התמדה און פארברענגען נישט די צייט.

איין טאג איז דער צדיק אריין געקומען און בעט דעם בחור מענדיל, אז ער ברויך א טובה, פארשטייט זיך אז ער איז גלייך געווען גרייט און ער איז מיט געגאנגען מיטן רבין אהיים, די רבי האט אים געבעטן אז ער זאל אריבער טראגען א קריגעל וואסער צו זיך אין שטוב, און אזוי האט ער געבעטן פונעם בחור אז ער זאל צוריק טראגען דעם קריגעל צו זיך אין שטוב, און נאכדעם איז דער בחור מענדל צוריק אין ביהמ"ד.

אביסל שפעטער איז דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע צוריק געקומען אין ביהמ"ד, און ער קומט צו מיר און גלעט מיך אויפן פנים און זאגט מיר בזה"ל "אוי זאלסטו לאנג לעבן", בשעת מעשה ווען דער וואסער טרעגער האט דערציילט די מעשה, איז ער שוין געווען 104 יאר אלט און געזונט און שטארק, האט ער זיך אבער אפגערעדט, "איך בין געווען פארנארט, ווייל איך וואלט ווען געברויכט בעטן פונעם רבין, אז איך זאל האבן פון וואס צו לעבן אויך, אבער אזוי ווי איך האב נישט געהאט קיין שכל, ברויך איך נאך ארבעטן מיטן שעפן וואסער".

ווי באקאנט האט דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע מעיד געווען, אז דאס שליסל צו פרנסה ליגט ביים צדיק וקדוש דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע, ווערט דערציילט אז איינמאל איז דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע געווען אין צאנז ביים הייליגען דברי חיים זי"ע, איז דארט ביים טיש געזעצן א איד א חסיד וואס מען האט גערופן "פייוול שענקער".

אינמיטן טיש האט זיך אנגערופן דער זון פונעם דברי חיים הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע צום טאטן, "טאטע שוין די העכסטע צייט אז פייוול שענקער זאל נתעלה ווערן", האט זיך דער הייליגער דברי חיים זי"ע אנגערופן, "אונז האבן מיר דא דעם ראדאמסקער רבי, ער האט די שליסעל פון פרנסה", ר' פייוול איז טאקע צו געגאנגען צום הייליגען תפארת שלמה זי"ע און באקומען א ברכה אויף פרנסה, פארשטייט זיך אז פון דעמאלט אן האט ער זייער מצליח געווען אין זיין פרנסה.

איינע פון די חסידים פונעם הייליגען תפארת שלמה זי"ע איז אמאל געקומען צום רבין און זיך אויס גערעדט, אז ער האט א טאכטער אין שידוכים, אבער ער איז ליידער א ארימאן און ער האט נישט קיין פרוטה פארן שטוב, און זיכער נישט פאר חתונה מאכן דעם טאכטער.

ווען דער צדיק האט געליינט דעם קוויטל, האט ער אנגעהויבן שרייען אויף דעם איד, גיי ארויס פון שטוב, ווייל א עני חשוב כמת, און איך בין דאך א כהן, דער איד האט זיך דערשראקן און ער איז ארויס געלאפן פון שטוב, אבער גלייך האט אים דער צדיק צוריק גערופן און געזאגט, די בוסט דאך אבער א מת מצוה און מיט א מת מצוה מעג זיך אויך א כהן מטמא זיין, פארשטייט זיך אז עס האט געברענגט א שמייכל אויפן פנים פון אלע וואס זענען דארט געווען, וואס ווי באקאנט האט דער צדיק געברענגט גרויסע ישועות פאר אידן בדרך צחות, וואס דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין מידות השמחה.

דאן פרעגט דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע פון דעם איד, זאג נאר ברויט האסטו, זאגט דער איד אז דאס ביסל ברויט וואס ער האט איז מיט דעם וואס זיין ווייב ארבעט אביסל און פון דעם האט ער אביסל עסן ביי זיך אין שטוב, זאגט דער צדיק פאר דעם איד, גוט דאס ווייב ברענגט פרנסה, מיר זעען שוין וואס איז געווארן מיט אדם הראשון וואס זיין ווייב האט אים מפרנס געווען,

דאן פרעגט דער צדיק פון דעם איד, זאג מיר באמת פון ווי האסטו פרנסה, האט דער איד געזאגט, מיין ווייב גייט ארום צו די שטיבער פון די פריצים אין שטאט און דארט פארקויפט זי ירקות און נאך ענדליכע זאכן און פון דעם האבן מיר דאס ביסל פרנסה, האט דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע געזאגט, עס שטייט דאך אין די תורה (דברים א׳ א׳) וַחֲצֵרֹת וְדִי זָהָב, איז אויב גייט מען ארום אין די חצרות פון די פריצים, דאן וְדִי זָהָב וועט זיין שיין פרנסה,

דער איד איז אהיים געפארן, אבער ער האט נישט געוויסט וואס צו זאגן פאר זיין ווייב איבער דעם וואס די רבי האט געזאגט, אבער לפלא יענעם טאג איז דאס ווייב געגאנגען אזוי ווי יעדן טאג פארקויפען די ירקות, און ווען זי איז אהיים געקומען ווייזט זי פארן מאן, אז זי האט געטראפן אויף דער ערד א בייטל, און דארט איז געלעגן 300 זהובים, און פון דעם האט מען חתונה געמאכט דעם טאכטער און נאך געהאט אויף גענוג צו מאכן מסחר און דער איד האט גאר שיין מצליח געווען אין פרנסה.

ווען דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע איז געווען אמאל אין לעלוב אויף שב״ק, האט אים זיין בעל אכסניא געגעבן מוצש״ק א טיי צו טרונקען, דער תפארת שלמה האט אבער נישט געוואלט טרונקען זאגענדיג, "אפשר איז דאס גלאז נישט גע׳טובל׳ט", דער בעל אכסניא האט אים געפרעגט פארוואס ער איז אים חושד אז ער באנוצט זיך מיט אומגע׳טובל׳טע כלים, האט דער תפארת שלמה אים געזאגט, אז ער איז אים ח״ו נישט חושד אויף דעם, נאר עס קען זיין אז די דינסט האט צובראכן א גלעזל, האט זי צוריק געקויפט א נייע גלעזל אהן דעם וואס איינער זאל וויסען דערפון, ווייל די דינסט ווייסט דאך נישט אז מען דארף טובל׳ען א נייע כלי,

דער בעל אכסניא האט טאקע נאכגעפארשט די זאך, און ווי פארוואונדערט איז ער געוועהן ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז דער הייליגער תפארת שלמה האט ריכטיג צוגעטראפען דעם אמת, אז די כלי איז טאקע געווען א נייע וואס די דינסט האט שטילערהייט צוגעקויפט כדי מען זאל נישט וויסען אז זי האט צובראכן א גלאז, און זי האט עס נישט גע׳טובל׳ט, גענוי אזוי ווי דער תפארת שלמה האט געזאגט.

דער הייליגער תפארת שלמה איז אמאל געפארן אויף שב״ק קיין ראדישיץ צוזאמען מיט א גרופע חסידים, אינמיטן וועג האט זיך דער בעל עגלה, א גוי, אפ געשטעלט זאגענדיג, אז אויב מען וועט אים נישט געבן אביסל בראנפען אדער וויין צו טרונקען וועט ער נישט פארן ווייטער, עס איז געווען אינמיטן ווינטער און איינדרויסען הערשט א שטארקע קעלט, האט דער בעל עגלה געפאדערט עפעס צו טרונקען זיך אנצווארימען די ביינער,

די חסידים זעענדיג אז עס איז נישט דא קיין ברירה, האבן זיי אים געגעבן א פלעשל וויין וואס זיי האבן אנגעגרייט צו געבן פאר׳ן רבי׳ן ער זאל קידוש מאכן דערויף, דער בעל עגלה נאכדעם וואס ער האט זיך אנגעטרונקען וויפיל ער האט געוואלט, האט ער זיי צוריק געגעבן דאס איבער געבליבענע, די חסידים האבן עס געוואלט אויסגיסן ווייל עס איז דאך געווארן יין נסך, אבער ווען דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע האט געזעהן ווי זיי ווילן עס אויסגיסן, האט ער עס צו גענומען פון זיי און האט צו געגאסען דערצו פון אן אנדערע פלאש עס זאל זיין פול מען זאל נישט דערקענען דערויף אז מען האט געטרונקען דערפון, זאגענדיג אז ער וויל זיי ווייזן דערמיט עפעס אינטערעסאנטס,

פרייטאג-צו-נאכט׳ס האט דער הייליגער תפארת שלמה געגעבן דאס פלעשל וויין פאר׳ן משמש ער זאל עס אנגרייטען אויפ׳ן טיש, דער רבי זאל מאכן קידוש דערויף, ווען דער רבי איז אריינגעקומען צום טיש, נאר זעענדיג פון דערווייטענ׳ס דעם וויין ליגן אויפ׳ן טיש, האט ער געהייסען דעם משמש ער זאל אים געבן דעם וויין, ווען דער משמש האט עס אהין געגעבן, האט דער הייליגער ראדושיצער אריינגעקוקט אין דעם וויין און זיך אנגערופען צום משמש, "נעם דאס פלעשל ווארף עס אריין אין מיסט ווייל עס איז יין נסך", דאן האט דער תפארת שלמה געווינקען פאר די חסידים וועלכע זענען געפארן מיט אים זיי זאלן זעהן ווי דער הייליגער ראדושיצער האט גלייך מרגיש געווען מיט זיין רוח הקודש אז דער וויין איז יין נסך.

## מתורתו של רבינו זי"ע

### עס איז מקובל אז לערנען דאס ערשטע שטיקעל פון פרשת מצורע אונעם ספר תפארת שלמה איז מסוגל לרפואה

זאת תהיה תורת המצורע כו' והובא אל הכהן. יל"ד הול"ל ובא אל הכהן כי מעצמו יבא אל הכהן לטהרתו. אך הנה כתיב ישלח דברו וירפאם וימלט משחיתותם. ר"ל כי אמנם כל מחלה וכל נגע אשר בעולם הנה עיקר רפואתו בתורה אשר הוא דבר ה' ובדבר ה' שמים נעשו וכל העולם נברא בתורה לכן שורש הרפואה הוא ג"כ בתורה.

והנה הצדיק העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה ונהנים ממנו כו' הוא הרופא נאמן ע"י התורה אשר יצאו מפיו ופרי צדיק לחיים. ועד"ז אמה"כ זאת תהי' תורת המצורע ביום טהרתו ר"ל יום טהרתו הוא בהתורה וממנה רפואה תעלה לכל מחלה ולכל נגע צרעת ולזה צריך אל הכהן הוא הצדיק הדור שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו והוא הנקרא כהן ממשיך החסדי' בעולם ועל כזה אמרו בגמ' מובטח אני בו שיהי' מורה הוראה בישראל מאי רבותא בזה שיהי' מורה הלכה מש"ע.

אך הכוונה שיהיה מורה דרך הקודש לעמו בני ישראל להמשיך עליהם שפע קדושה וברכה וטובות העליונים הוא המורה הוראה בישראל כמ"ש להורות ביום הטמא וביום הטהור. פי' זה הנקרא מורה הוראה אשר ע"י תורתו שמורה ביום הטמא מגיע את האד' ליו' הטהור להטהר לפני ה'.

וכמו שידענו זה מצדיקי הדור שלפנינו שע"י תורתם המשיכו השפעות טובות ורפואה בעוה"ז וכן הדבור יקר של הצדיק בד"ת מרפא מיד והש"י שולח דברי תורה בפיו לרפאות תעלה לכל הצריך לו. כנודע זה המעשה מהרב הקדוש איש היהודי זלה"ה מפרשיסעחע שהי' בעירו בית כזה אשר לא טהור ופעם גברה עליהם המחלה מאד ר"ל ויבואו ויצעקו אליו. אז נפל ד"ת בפיו ברמזים וגימטריאות ואחר תומו ד"ת הלזה שאל אם הגימטריאות נכונים עליהם בחשבונם אז נתרפאו ויהי כן.

וזהו שאמה"כ ישלח דברו וירפא' ישלח דברו להצדיק וירפאם. וז"ש זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו כי טהרתו תלוי בתור'. והובא אל הכהן. פי' הובא הדבו' אל הצדיק אשר ע"י הדבור שלו בד"ת מרפא לנפש בנ"י ויטהרו כנ"ל. והבן:

**יארצייט**
**שבת קודש כ״ט אדר**

**הגה״ק רבי אברהם ב״ר יהודה לייב זי״ע, (שאג, צוובנר), בעל אהל אברהם, אב״ד קויבערסדארף,**

ער איז געבוירן אין שטאט פריישטדט, ד׳ אייר בשנת תקס״א,

צו זיין טאטן הגה״ק רבי יהודה לייב שאג זי״ע,

דער טאטע הגה״ק רבי יהודה לייב זי״ע איז געווען מגדולי ויחידי תלמידים פון הגה״ק רבי יחזקאל לאנדא בעל הנודע ביהודה זי״ע, און פון הגה״ק רבי זרח איידליין זי״ע, און זיין רבי דער הייליגער נודע ביהודה זי״ע האט אמאל גזואגט, אז ער האט צוויי תלמידים אין זיין ישיבה, וואס ווען זיי לערנען תורה שאקלט זיך די וועלט מיט זייער תורה, און איינע פון די צוויי תלמידים איז דער גאון רבי יהודה לייב שאג זי״ע,

ער איז געווען א גאון הגאונים אמיתי און א איש קדוש וטהור מאוד, ער איז געווען א עניו ושפל ברך כהלל און צדיקים און גאונים בדורו האבן מעיד געווען, אז ביי דעם גאון אברהם זי״ע האט מען געטראפן אלע מדות טובות שמנו חכמים, ער האט זיין גאנץ לעבן מרביץ תורה געווען פאר זיינע תלמידים מיט א מסירת נפש ממש, פון זיינע תלמידים זענען ארויס געקומען גרויסע גאונים וגדולים בתורה ובתוכם הגה״ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד אב״ד ירושלים זי״ע, און הרה״ק רבי משולם פייש השרף מטאהש זי״ע,

ווען דער גאון רבי אברהם איז געווען נאר 3 יאר אלט, איז זיין גרויסע טאטע ליידער נסתלק געווארן, האט אים זיין מאמע איבער געגעבן פאר הגה״ק רבי יצחק פרענקל אב״ד ראגענדארף זי״ע, און דער גאון איז נתחנך געווארן ביי דעם גאון אין שטוב,

נאך בעפאר די בר מצוה איז שוין דער קינד אברהם געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע גדלות און חריפות בתורה, דערפאר האט אים דער גאון רבי יצחק מראגענדארף זי״ע געשיקט לערנען אין די ישיבה פון הגה״ק רבי משה סופר בעל חתם סופר אין פרעשבורג זי״ע,

דארט האט ער זוכה געווען צו ווערן פון די גרעסטע תלמידים פונעם חתם סופר זי״ע, ער האט זוכה געווען גאר אסאך תורה און יראת שמים מקבל צו זיין ביי דעם הייליגען חתם סופר זי״ע, זיין רבי דער חתם סופר האט אמאל מעיד געווען, אז 20 פרסאות ארום פרעשבורג, איז נישט דא נאך אזא תלמיד חכם ווי זיין תלמיד רבי אברהם שאג זי״ע,

ס׳איז געווען איין מאל וואס דער חתם סופר האט זיך באגעגנט מיט זיין שווער הגה״ק רבי עקיבא איגר זי״ע, און רבי אברהם שאג איז אויך דארט געווען (ווען דער חתם סופר פלעגט רעדן בדברי תורה והלכה מיט א רב פלעגט געווענדליך אויך דארט זיין רבי אברהם שאג), און רבי עקיבא איגר האט ארומגערעדט בדברי הלכה מיט רבי אברהם שאג, דערנאך האט האט זיך רבי עקיבא איגר אנגערופן צום חתם סופר, ״איך זעה אז דו ווייסט מיט וועם זיך צו בארימען״.

איין מאל אין א ווינטער נאכט, ווען דער הייליגער חתם סופר זי״ע איז ארומגעגאנגען מיט זיין זון דער כתב סופר אין די אכסניות וואו די בחורים פלעגן שלאפן, האט ער זיך אפגעשטעלט ביים שטוב פון רבי אברהם שאג, און רבי אברהם שאג האט געהאלטן דעמאלטס אינמיטן לערנען גאר פלייסיג, האט זיך דער חתם סופר אנגערופן צום כתב סופר בזה״ל, ״הער דיך צו צו אים וויאזוי מען דארף לערנען״.

בשנת תקע״ט האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רבקה לאה ע״ה,
בת הגה״ק רבי אהרן הלוי שפיטץ אב״ד האליטש זי״ע,

דער שווער זיינער האט שוין דאן נישט געלעבט, און די קינדער זענען אלע אויף געצויגען געווארן ביי הגה״ק רבי מרדכי בנעט מניקלשבורג זי״ע, דערציילט מען אז ווען דער גאון וקדוש רבי מרדכי בנעט זי״ע האט געזיכט א שידוך פארן מיידל רבקה לאה, האט ער געבעטן דעם הייליגען חתם סופר זי״ע, אז ער זאל אים ברענגען דעם בעסטן בחור פון ביי זיך אין ישיבה, און דאס איז געווען דער גאון וקדוש רבי אברהם שאג זי״ע,

וויבאלד דעם חתן רבי אברהם שאג זי״ע איז דאך געווען א יתום פון זיין טאטן, און די מיידל איז געווען א יתומה, האט דער גאון דער חתם סופר זי״ע אונטער געפירט מצד החתן, און דער גאון וקדוש רבי מרדכי בנעט זי״ע האט אונטער געפירט מצד הכלה,

בשנת תקפ״ז זייענדיג נאר 25 יאר אלט, האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס רב אין שטאט שאטלסדארף, און דארט האט ער געדינט אלס רב פאר בערך 25 יאר, מען האט דעם גאון דארט גאר שטארק מכבד געווען, ער איז געווען מפורסם אין די גאנצע געגענט אלס א גאון

עולם און זיינס א פסק הלכה איז מקובל געווארן ביי יעדן גדול בדורו,

בשנת תרי״ב האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס רב אין שטאט קויבערסדארף אין אונגארין, דארט האט ער געדינט אלס רב ביז שנת תרל״ג ווען ער איז ארויף קיין ארץ ישראל צוזאמען מיט זיין תלמיד מובהק הגה״ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי״ע,

ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים וגדולים בתורה ובתוכם,

הגה״ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד אב״ד ירושלים זי״ע,
הגה״ק רבי דוד שפיעגלער אב״ד דיאנדאש זי״ע,
הגה״ק רבי דוד יהודה לייב זאלצער אב״ד הומנא זי״ע,
חתנו הגה״ק רבי דוד יולים זי״ע,
הגה״ק רבי יעקב משה שווארץ אב״ד קראסנא–קראלי זי״ע,
הגה״ק רבי יצחק שלמה בלוי ממייסדי ישיבת אהל משה בעיה״ק ירושלים זי״ע,
חתנו הגה״ק רבי מאיר ראזענפעלד אב״ד מישקאלץ זי״ע,
הגה״ק רבי מאיר זאב וואלף ראטה מק״ק מאד ירושלים זי״ע,
הגה״ק רבי מרדכי ראזענבערג אב״ד נירבאטור טערצאל זי״ע,
הגה״ק רבי משה הלוי קעניג דיין דק״ק קויבערסדארף זי״ע,
הגה״ק רבי משה אליעזר דן רלב״ג ראש ישיבת עץ חיים זי״ע,
הגה״ק רבי משולם פייש הלוי השרף מטאהש זי״ע,
הגה״ק רבי פנחס שיק מטאקאי זי״ע,
הגה״ק רבי מרדכי גראסס מקראלי ירושלים זי״ע,

ווערט דערציילט דאס מסירת נפש וואס דער גאון האט געהאט צו מרביץ תורה זיין פאר זיינע תלמידים, ער פלעגט שטיין אויף די פיס גאנצע 6 שעה בשעת ער האט פאר געלערנט פאר די תלמידים, און אפילו לעת זקנתו האט ער דאס געטון מיט א מסירת נפש ממש, ווען ער האט געענדיגט זיין שיעור איז דער גאון ממש אוועק געפאלן פון גרויס חילשה, אז ער האט ממש נישט געקענט שטיין אויף די פיס,

אבער דאס האט נישט געקענט צוריק האלטן דעם גאון פון זיינע שיעורים קביעים וואס ער האט פאר געלערנט פאר זיינע תלמידים, ער האט זיינע תלמידים אייביג מקבל געווען מיט א שמחה און צהלות פנים און מקבל געווען זיינע יסורים באהבה, און מיט זיינע לעצטע כוחות מרביץ תורה געווען זיין גאנץ לעבן,

מען דערציילט אז א שטיק צייט האט דער גאון וקדוש רבי אברהם שאג זי״ע זייער געליטן אויף פיס ווייטאג, ער האט ממש נישט געקענט גיין אויף די פיס, מען האט דעם גאון געפירט צו א מרחץ פאר זיין געזונט, אבער אפילו מיט די גרויסע יסורים האט ער נישט מבטל געווען פון זיין תורה,

אבער לפלא ווען דער גאון האט זיך געשטעלט צום שיעור וואס ער האט בקביעות פאר געלערנט, האט מען בכלל נישט געזען אויפן גאון קיין ווייטאג פון זיין פיס, ער איז די גאנצע צייט געשטאנען אויף די פיס און געווען שקוע אין זיינע לימודים,

אבער אזוי ווי דער גאון האט געענדיגט זיין שיעור, האט מען ממש נישט געקענט שטיין נעבן דעם גאון פון זיינע קולות פון די ווייטאג פון זיין פיס, מען האט ממש געזען אז פון זיין גרויס עמקות התורה האט ער ממש פארגעסן פון זיינע יסורים,

ערב שבת קודש כ״ט אדר בשנת תרכ״ג איז נפטר געווארן זיין רעבעצין הצדקת מרת רבקה לאה ע״ה, דער גאון רבי אברהם זי״ע האט זיין רעבעצין מספד געווען מיט גרויס געוויין און גאר שטארק משבח געווען די רעבעצין׳ס מידות, און ער האט דערציילט אז ער האט געברויכט געבן תקיעת כף פארן רעבעצין אויף דריי זאכן,
א) אז זי וועט האבן א חלק אין זיין תורה און עבודת השם,
ב) אז ער וועט אריין לייגן זאמד פון ארץ ישראל אין איר קבר ביים באערדיגן,
ג) אז ער וועט אנגיין ווייטער נאך איר פטירה מיט די קופת ארץ ישראל וואס זי האט זיך מיט דעם אפ געגעבן איר גאנץ לעבן.

בשנת תרל״ג איז דער צדיק וקדוש רבי אברהם שאג זי״ע ארויף צוזאמען מיט זיין גרויסע תלמיד רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי״ע קיין ארץ ישראל, דארט האט ער זיך באזעצט אין ירושלים, דארט האט דער גאון וקדוש ווייטער מרביץ תורה געווען פאר אידישע קינדער, אפילו אויף די עלטער יארן האט ער נישט נאך געלאזט מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה,

די נסיעה קיין ארץ ישראל האט גענומען אפאר וואכן, און כדי דער גאון רבי אברהם שאג זי״ע זאל האבן פלייש פאר שבת קודש אויפן וועג, האט זיך דער תלמיד

מובהק הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי"ע אויס געלערנט 30 טאג בעפאר די נסיעה דעם אומנות פון שחיטה, און במשך דעם גאנצן נסיעה האט ער געדינט אלס שוחט פאר זיין רבין, אבער אזוי ווי מען איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האט רבי יוסף חיים זי"ע באהאלטן דעם מעסעריל און מער קיינמאל נישט גע'שחט'ן זיין גאנץ לעבן.

און ארץ ישראל איז ער נאר געווען כמעט 3 יאר, אבער און די דריי יאר איז ער געווען אנערקענט דארטען און אלע קרייזען אלץ דער רשכבה"ג, ווי מען האט אים גערופען "דער חתם סופר ד'ארץ ישראל". דער רב פון ירושלים דער גרויסער גאון הגה"ק רבי מאיר אויערבאך בעל אמרי בינה זי"ע האט זיך נישט גערירט אן אים, יעדן טאג האט דער אמרי בינה אים באזיכט און זיך דורך געשמועסט מיט אים בדברים שעומדים על הפרק, אויך די הספד פונעם אמרי בינה אויף אים איז דאך מבהיל על הראיון.

די ליטווישע גאוני ישראל וואס האבען זיך געפונען און ירושלים, האבן דאס ערשטע מאל טועם געווען אן אונגערישע גאון פון וועם זיי זענען שטארק נתפעל געווארן, און זיך אונטער געווארפן, און דאס האט אויף געהויבען און זייערע אויגען דער חתם סופר ותלמידיו, און דער גאנצער אונגארישע אידענטום, די אונגערישע אידען זענען דעמאלץ געגאנגען מיט די קעפ און דער הייעך, עס איז נתרומם געווארן קרנם און ירושלים ווי רבי אברהם שאג איז געשטאנען בראש פון כולל אונגארן, און אונגארן האט מיט אים שטאלצירט.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,
בנו, הגה"ק רבי אהרן צוועבנער זי"ע,
בנו, הגה"ק רבי יהודא לייב צוועבנער זי"ע,
בנו, הגה"ק רבי ישכר בער צוועבנער זי"ע,
חתנו, הגה"ק רבי יוסף וואלף אב"ד קאלאטשא זי"ע,
בתו, הרבנית מרת הינדל ע"ה, בזוו"ר אשת הגה"ק רבי יוחנן רודאלפער זי"ע, ובזוו"ש אשת הגה"ק רבי מאיר ראזענפעלד אב"ד מישקאלץ זי"ע,
בתו, הרבנית מרים ע"ה, אשת הגה"ק רבי דוד יולים זי"ע,

פרייטאג פארטאגס כ"ח אדר בשנת תרל"ו, נאכן לערנען זיין שיעור קבוע מיט תלמידו החביב הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי"ע האט ער זיך אנגערופן: "דא בלייבן מיר", א זאך וואס ער פלעגט קיינמאל נישט זאגן נאכן שיעור, און ער האט גלייך געפילט אז דאס איז נישט קיין גוטע סימן,

שב"ק צופרי כ"ט אדר, ווען דער עולם איז שוין געקומען צום דאווענען, און דער גאנצער עולם האט געווארט אז רבי אברהם שאג זאל אריינקומען צום דאווענען, זיין זון הגה"ק רבי ישכר בער האט געזעהן אז דער טאטע קומט נישט, האט ער געקלאפט אויפן טיר און קיינער האט נישט געענטפערט, בלית ברירה האט ער אליינס אויפגעמאכט די טיר און ער האט געטראפן אז זיין פאטער און דער רביצין (בזוו"ש) ליגן פאר'חלש'ט.

עס איז געווען דארט א אויבן וואס מען האט גענוצט צו הייצן די שטוב, און מען האט דארט אויך געהאלטן די מאכלים לכבוד שבת, אבער עס איז ארויס געקומען א שטארקע רויעך, און די רעבעצין איז געווארן פאר'חלש'ט, האט ער איר פראבירט צו דערמינטערן, ער האט געארבעט אזוי שווער אז ער האט זיך אראפ געזעצט אפאר מינוט זיך אפצורוען, איז ער אויך געווארן פאר'חלש'ט און ער איז דארט געליגן אפאר שעה ביז דער זון איז אנגעקומען.

דער געטרייער תלמיד רבי יוסף חיים איז שנעל געלאפן רופן א דאקטער, אבער דער טיר פונעם דאקטער איז געווען פארשפארט, איז ער שנעל ארויפגעקראכן אויפן דאך פון א הויז נעבן דעם דאקטער'ס הויז, און פון דארט איז ער אראפ געשפרינגען צום חצר פונעם דאקטער, פון דעם שפרינג האט זיך רבי יוסף חיים צובראכן זיין פוס און ער האט שוין געליטן דערויף א גאנץ לעבן, און ער האט אים אויפגעוועקט און שנעל גערופן צום שטוב פון רבי אברהם שאג, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט, די רעבעצין האט מען נאך יא געראטעוועט.

מוצש"ק האבן די רבנים אין ירושלים אויסגערופן א ביטול מלאכה בשעת די לוי', עס איז פאר געקומען א ריזיגע לוי' וואו עס האבן מספיד געווען הגה"ק רבי מאיר אויערבאך זי"ע, הגה"ק רבי יעקב צבי ניימאן אבדק"ק ווראדיש זי"ע, הגה"ק רבי משה נחמי' כהנוב אבדק"ק האסלאוויטש זי"ע, חתנו הגה"ק רבי דוד יולים זי"ע, און מען האט אים באגלייט ביזן הר הזיתים און דארט האט מספיד געווען תלמידו הגה"ק רבי אליעזר דן רלב"ג זי"ע און תלמידו הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד אב"ד ירושלים זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ט אדר בשנת תרל"ג, ומנוחתו כבוד איז אין ירושלים אויפן הר הזיתים אין חלקת הפרושים,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

עס ווערט דערציילט, אז זיין פאטער דער גאון רבי יהודה לייב זי"ע האט נישט געהאט יארן לאנג נאך די חתונה קיין קינדער, איין נאכט ווען ער איז געגאנגען דאווענען מנחה מעריב אין שול, איז אים קעגן געקומען א גאסט וואס איז געקומען צו פארן מיט א פערבעטיגע וואגן, און דער גאסט האט אים געפרעגט, צו עס איז דא ערגע'ן אין שטאט א פלאץ וואו אורחים קענען איבער נעכטיגן,

האט ער געזאגט פארן אורח, אז אין שטאט איז דא א ספעציעלע הערליכע הכנסת אורחים פאר געסט, האט אים דער אורח געפרעגט, און טאמער דער אורח איז א גרויסער גאון וואו שטייט ער איין, האט ער אים געענטפערט, אז טאמער עס איז א חשובער אורח שטייט ער איין בייים ראש הקהל, זאגט אים דער אורח אויב אזוי ווייז מיר וואו דער שטוב פון ראש הקהל איז, האט אים רבי יהודה לייב געוויזן זיין אייגענע שטוב, און ער רבי יהודה לייב איז געגאנגען דאווענען מנחה מעריב.

נאכן דאווענען ווען ער איז אהיים געקומען פרעגט ער זיין ווייב צו עס איז געקומען א אורח, האט זי געענטפערט יא ערווארט אויף דיר אין די געסט שטוב, און רבי לייב איז אים געגאנגען געבן שלום און מען האט אנגעהויבן צו שמועסן אין לערנען, אינדער צווישן האט די רעבעצין צו געגרייט נאכטמאל פאר איר מאן און פארן גאסט, אבער זיי האבן זיך איינגעשפארט דארט אין שטוב און מען האלט טיף אינמיטן א תורה'דיגע שמועס, אין טיפע סוגיות הש"ס און זיי האבן בכלל פארגעסן צו קומען עסן,

די רעבעצין האט געזעהן אז עס נעמט שוין אפאר שעה האט זי געוואלט גיין קלאפן אויפן טיר, ווען זי איז צו געקומען צום טיר האט זי אריין געקוקט אינעם שליסל לאך, האט זי געזעהן ווי די פנים פונעם גאסט ברענט ווי א פייער און קוקט פשוט אויס ווי א מלאך פון הימל, און זיי זענען זיך מפלפל איינער מיטן צווייטן, פון גרויס התרגשות האט זי די רעבעצין זיי נישט געוואלט שטערן פון לערנען, און זי האט גענומען א בענקל און זיך געזעצט בייים טיר און אריין געקוקט אינעם לאך מיט צו האלטן די הערליכע מראה, און אזוי איז זי געזעצן דארט א גאנצע נאכט ביז צופרי,

צופרי האבן זיי געענדיגט דאס לערנען און דער גאסט האט אויף געמאכט דעם טיר ארויסצוגיין, האט ער געטראפן דארט די רעבעצין בייים טיר, האט ער איר געפרעגט וואס טוסטו דא, האט זי געענטפערט איך האב געוואלט הערן וואו ענק לערנען תורה און איך האב מיך נישט געוואגט ענק צו שטערן וועגן דעם בין איך דא געזעצן א גאנצע נאכט,

האט דער גאסט איר געפרעגט, מיט וואס זאל איך דיר בענטשן, האט דער צובראכענע פרוי געזאגט, איין בקשה האב איך נאר, אז איך זאל זוכה זיין צו א בן זכר וואס זאל זיין אזוי גרויס און הייליג אזוי ווי דיר!, האט ער איר געבענטשט אז זי זאל זוכה זיין צו א קינד וואס זאל באלייכטן די וועלט מיט זיין גרויסקייט און ערליכקייט,

רבי יהודה לייב איז געגאנגען דאווענען שחרית, און דער גאסט איז נאך געבליבן דארט אין שטוב, נאכן דאווענען ווען רבי יהודה לייב איז אהיים געקומען האט ער געפרעגט די רעבעצין וואו דער אורח איז, האט זי געזאגט אז ווען ער איז געגאנגען דאווענען האט דער גאסט זיך צאמגעפאקט זיינע זאכן און ער איז שוין אוועק געפארן, רבי יהודה לייב האט דאך פארשטאנען אז דער גאסט איז נישט געווען אבי ווער, האט ער שנעל גענומען זיין פערד און פראבירט צו פארן שנעל צו דערגרייכן דעם גאסט,

אונטערן שטאט האט ער אים געטראפן און דער גאסט איז שוין געווען ווייט אויף א הויכע בארג, האט ער אים נאכגעשריגן אז ער זאל זיך אפשטעלן און ווארטן אויף אים, דער אורח האט זיך צורקגעדרייט צו אים, ווען זיי זענען שוין אנגעקומען צוזאמען האט אים ר' לייב געפרעגט וואספארא נאמען זאל ער געבן פארן קינד, האט דער גאסט געזאגט, זאלסט אים רופן מיטן נאמען פון דער ערשטער איד! ופרח לו איש האמת.

צום יאר האט אריין געשיינט א גרויסע ליכטיגקייט אין זייער שטוב, ווען עס איז צו זיי געבוירן געווארן א אינגל, און מען האט אים א נאמען געגעבן "אברהם" נאך דער ערשטער איד "אברהם אבינו".

איינמאל איז דער גאון רבי אברהם זי"ע געפארן מיט א קבוצה פון זיינע געהויבענע תלמידים מיטן באן פון שטאט וויען קיין קויבערסדארף, אינמיטן וועג האט דער גאון געזאגט פאר זיינע תלמידים, אז ער איז זייער דורשטיג פאר וואסער, אבער אינמיטן וועג איז דער גאון אנגעקומען צו א שטאט נעבן וויען, און דארט איז ארויף געקומען אויפן באן הגה"ק רבי אהרן זינגער ראב"ד מאטערסדארף זי"ע,

פארשטייט זיך ווען די צוויי גאונים האבן זיך געטראפן, האבן זיי גלייך פארפירט א שמועס און א משא ומתן בעומקה של הלכה, די צוויי האבן זיך מפלפל געווען מיט א געוואלדיגע עמקות התורה, אזוי האט זיך די שמועס פארצויגען די גאנצע וועג אהיים, ווען מען איז אנגעקומען צום שטאט מאטערסדארף האט זיך דער גאון רבי אברהם געזעגענט פונעם גאון רבי אהרן זינגער זי"ע.

ווען די תלמידים האבן געפרעגט דעם רבין אויב ער איז נאך דורשטיג, האט דער גאון געזאגט, איך האב שוין געטרינקען גענוג, ווייל כי אין מים אלא תורה, און מיטן רעדן אין תורה מיטן גאון רבי אהרן זינגער זי"ע האט דער גאון רבי אברהם פארשטילט זיין דורשט, דאס איז געווען דעם גרויסן התמדת התורה פון דעם גאון וקדוש.

הגה"צ רבי יחזקאל צובנר זי"ע א אייניקל פונעם גאון וקדוש רבי אברהם שאג זי"ע וואס האט געוואוינט אין ירושלים האט דערציילט, אז איין טאג איז צו אים אנגעקומען א עלטערע פרוי פון שטאט קליינווארדיין, און געבעטן אויב ער קען איר צו ווייזן ווי דער זיידע דער גאון רבי אברהם שאג זי"ע ליגט, ווייל זי איז ספעציעל געקומען פון חוץ לארץ צום קבר פון דעם זיידן דער גאון רבי אברהם שאג זי"ע.

ווען דער אייניקל האט געפרעגט די פרוי, פארוואס זי האט זיך אזוי מטריח געווען צו קומען קיין ארץ ישראל צום ציון קדשו פונעם זיידן, ווען אין חוץ לארץ איז דאך דא אזויפיל קברי צדיקים ווי מען קען גיין, איז פארוואס איז געווען אזוי וויכטיג ארויס צו קומען קיין ארץ ישראל, האט די פרוי דערציילט די סיבה.

איר מאמע איז געווען א משרת אין שטוב פונעם גרויסן גאון רבי אברהם שאג זי"ע, איין טאג איז א איד געקומען צום גאון און ער האט געגעבן פארן גאון א פקדון פון א סכום געלט, אבער וויבאלד דער גאון האט דאן געהאלטן אינמיטן לערנען, האט ער אריין געלייגט דעם געלט אינעם ספר וואס ער האט דאן געלערנט, און ווען דער גאון האט געענדיגט לערנען האט ער אוועק געלייגט דעם ספר אין ספרים שאנק צוזאמען מיט די געלט.

שפעטער איז דער איד צוריק געקומען אפבעטן דאס געלט, האט דער גאון נישט געקענט טרעפן דאס געלט, מען האט דאס געזיכט איבעראל אבער מען האט דאס נישט געקענט טרעפן, עס איז דאן געפאלן א חשד אויף מיין מאמע די משרת אז אפשר האט זי ח"ו געלייגט די האנט אויף די געלט, אבער דער גרויסער גאון האט בשום אופן נישט געוואלט פרעגן די משרת דערוועגן און ח"ו מבזה זיין א אידיש קינד.

דער גאון האט דאן געבראגט דאס גאנצע געלט פון איינעם און ער האט מיט די געלט באצאלט דעם פקדון, דער גאון האט קיינעם דאס נישט דערציילט, נאר פארן רעבעצין האט ער דאס יא מגלה געווען און געהייסן מען זאל האלטן א אויג אויף די משרת אז דאס זאל ח"ו נישט געשען נאכאמאל.

אבער ווען עס איז געקומען ערב פסח און מען האט זויבער געמאכט די ספרים ביים גאון אין שטוב, איז פלוצלונג ארויס געפאלן דאס געלט פונעם ספר ווי דער גאון האט דאס באהאלטן, פארשטייט זיך אז דער גאון האט געהאט גרויס חלישות הדעת אז ער האט אימזינסט חושד געווען א אידישע פרוי אז זי האט עובר געווען אויף גניבה.

ער האט גלייך געלאזט ריפן די משרת און דערציילט די גאנצע מעשה, און דער גאון האט מיט טרערן געבעטן מחילה אז זי זאל אים מוחל זיין אויפן חושד זיין בכשרים, און דער גאון האט געזאגט פארן משרת, אז ער איז גרייט איר צו געבן סיי וואס פון ביי זיך אין שטוב, נאר אז זי זאל אים מוחל זיין במחילה גמירה.

די משרת האט געזאגט פארן גאון, אז זי איז אים מוחל במחילה גמירה אויף דעם חשד און זי האט ח"ו נישט קיין תרעומת אויפן גאון, נאר איין זאך בעט זי פונעם גאון, אז וויבאלד עס איז שוין דורך 15 יאר פון די חתונה און זי האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער, בעט זי דעם גאון אז ער זאל איר געבן א ברכה אז זי זאל געהאלפן ווערן מיט זש"ק.

דער גאון האט געגעבן א ברכה פארן משרת אז זי זאל צום יאר האבן א קינד און אויך זי זאל האבן אריכת ימים, דערציילט די פרוי, אז זי איז א טאכטער פון די משרת, און די מאמע האט כל ימיה משתוקק געווען צו קומען צו ציון קדשו פונעם צדיק, אבער זי האט דאס נישט דערלעבט צו טון, און דערפאר איז זי די טאכטער געקומען בשלוחת פון די מאמע צום ציון קדשו אין ארץ ישראל, צו דערפילן איר מאמע'ס בקשה.

**יארצייט ל׳ אדר א׳**

**הגה״ק רבי אהרן ב״ר מאיר זי״ע, (מארקוס), בעל קסת הסופר, מקראקא,**

ער איז געבוירן אין שטאט המבורג, שבת קודש י״ב שבט בשנת תר״ג,

צו זיין טאטן הגה״ק רבי מאיר מארקוס זי״ע,

ער איז געווען מפורסם אלס א עילוי נפלא און א בקי בתורת הנגלה והנסתר און א חכם גדול און אדם השלם, גרויסע גאונים און צדיקים בדורו האבן גאר שטארק באוואונדערט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קלוגשאפט, ער האט מחבר געווען זיין ספר קסת הסופר על התורה וואס האט אין זיך שטארקע חידושים נפלאים,

ליידער איז ער גאר יונג געווארן א יתום פון זיינע עלטערן און געווארן ערצויגן ביי א זיידע זיינעם, ביי די 7 יאר אלט איז ער שוין געווען מפורסם אלס א עילוי נפלא, און ער האט דאן שוין געלערנט מיט בחורים גאונים פון 15 יאר אלט, און ביי זיין בר מצוה האט ער געהאלטן א טיפע דרשה פיל מיט חריפות אינעם ביהמ״ד אין המבורג, וואס האט באצויבערט אלע גאונים וואס זענען דארט געווען,

גאנץ אנפאנג האט ער געלערנט ביי הגה״ק רבי ברוך יצחק ליפשיץ בעל תורת שמואל מבוסקאוויץ זי״ע, בן הגה״ק רבי ישראל ליפשיץ בעל תפארת ישראל על המשנה מוורונקי זי״ע תלמיד מובהק פון הגה״ק רבי עקיבא איגר זי״ע,

דער גאון רבי אהרן איז שוין דאן געווען מפורסם מיט זיין גאונות בתורה, אויך איז ער געווען מפורסם אלס א גאר קלוגער מענטש וואס האט אויך געהאט וויסענשאפט אין וועלטליכע זאכן און אנדערע לימודים,

בעצת רבו רבי ברוך יצחק ליפשיץ זי״ע, איז דער גאון אריבער לערנען אין שטאט מעהרן אין די ישיבה פון הגה״ק רבי וואלף באסקאוויטש זי״ע, דארט איז ער אפילו זייענדיג גאר יונג געשטיגען אין תורה און עבודת השם אויף א גאר געהויבענע דרגה, ביז ער איז שוין דאן געווען פארעכענט צווישן די גרויסע גאונים בדורו, ער האט דארט אין ישיבה געלערנט יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה ממש לא פסיק פומיה מגירסא,

דארט אין ישיבה אין מעהרן האט דער יונגער גאון געלערנט מיט א חברותא א בחור א גרויסע גאון בתורה, די טאטע פון יענעם בחור האט זייער צו גערעדט דעם גאון, אז ער זאל זיך אריבער ציען קיין קראקא, וואס איז געווען דאן א עיר ואם בישראל פון גדולים און גאונים בתורה, דער גאון רבי אהרן האט זיך טאקע אריבער געצויגען קיין קראקא,

דארט איז ער געווארן גאר נאנט מיט די חסידי ראדאמסק וואס האבן געוואוינט אסאך דארט אין קראקא, און פון דארט איז ער געווארן גאר נאנט און צום סוף א תלמיד מובהק פון הרה״ק רבי שלמה ראבינאוויטש בעל התפארת שלמה מראדמסק זי״ע, ער איז געווען פארעכנט צווישן די גרעסטע תלמידים פונעם הייליגען תפארת שלמה זי״ע,

ער איז דאן כסדר געפארן קיין ראדאמסק מיט א מסירת נפש נאר כדי זיך צו מסתופף זיין בצלו פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע, ער איז כל ימי חייו געבליבן גאר שטארק מקושר צו ראדאמסק, עס איז כמעט נישט דורך א טאג וואס דער גאון האט נישט נאכגעזאגט עפעס פון זיין גרויסן רבין, די תורות פון זיין רבין דער תפארת שלמה זי״ע זענען געווען שגור בפיו,

ער איז אסאך געפארן מיטן הייליגען תפארת שלמה מראדאמסק זי״ע צום ציון קדשו פון הרה״ק רבי אלימלך מליזענסק זי״עביים יארצייט, וואס ווי עס איז באוויסט איז דער תפארת שלמה געווען גאר שטארק מקושר קיין ליזענסק און אסאך געארבעט צו מפרסם זיין ציון קדשו פונעם רבי אלימלך מליזענסק זי״ע,

אויך האט ער געהאט א זכי׳ צו זיין מיט זיין גרויסן רבין אין צאנז ביים הייליגען צדיק וקדוש הרה״ק רבי חיים בעל דברי חיים מצאנז זי״ע, וואס אויך דארט האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבות צוזאמען מיט זיין רבין, ביז צום לעצטן טאג פון זיין רבין דער תפארת שלמה זי״ע איז דער תלמיד מובהק געווען גאר שטארק מקושר צום רבין,

נאך די פטירה פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער תפארת שלמה זי״ע כ״ט אדר בשנת תרכ״ו, האט ער זיך מדבק געווען אין הרה״ק רבי יוסף ב״ר צבי הירש

מרימנוב זי"ע, אויך אין בית ריזשין האט ער זיך דאן מדבק געווען וויבאלד זיין רבי רבי יוסף מרימנוב זי"ע איז דאך ערצויגען געווארן אין שטוב פונעם הייליגען ריזינער זי"ע ווען זיין טאטע רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע איז נסתלק געווארן ווען ער איז נאך געווען גאר יונג,

ער האט זיך דאן גאר אסאך מסתופף געווען בצלו פון הרה"ק רבי דוד משה פריעדמאן מטשארטקוב זי"ע, אויך איז ער געווען גאר שטארק בידידות מיט הרה"ק רבי שלמה זלמן מויעליפאלי זי"ע, דער צדיק רבי אהרן האט זיין גאנץ לעבן אריין געלייגט גרויסע כוחות צו פארשפרייטן דעם דרך החסידות אין די וועלט, און מעורר געווען אסאך אידן צו לערנען חסידישע ספרים פון די צדיקים הקודמים,

ער האט מרביץ תורה געווען מיט א מסירת נפש און אויף געשטעלט גרויסע תלמידים גאונים און גדולים בדורו ובתוכם הגה"ק רבי שמשון רפאל הירש מפרנקפורט זי"ע וואס האט שפעטער געראטעוועט א גרויסע חלק פון כלל ישראל מיט זיין מלחמה קעגן די רעפארמער און די מתחדשים וואס האבן ליידער אפ געפירט אסאך פון כלל ישראל מיטן אריין ברענגען נייע מנהגים אין כלל ישראל,

ער האט איבער געלאזט זיין חיבור קסת הסופר על התורה,

ער האט איבער געלאזט זיין זון הגה"ק רבי שלמה בעל פרי ע"ץ הדר מהמבורג זי"ע,

ווערט געברענגט, אז א טאג בעפאר זיין הסתלקות כ"ט אדר א' בשנת תרע"ו איז געווען די יארצייט פון זיין גרויסן רבין דער הייליגער תפארת שלמה מראדאמסק זי"ע, האט דער צדיק געהייסן אנצינדען א ליכט לעילוי נשמתו פון זיין רבין, און דער צדיק איז די גאנצע צייט געשטאנען און זיך פארקוקט אויפן ליכט,

נסתלק לגנזי מרומים אין פראנקפורט ל' אדר א' בשנת תרע"ו, ומנוחתו כבוד איז אינעם ביה"ח החדש אין קראקא.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.